# מושגים אין תניא

פרקים א-יב


על ידי

**הת' לוי שי' מינץ**


**תשורה מחגיגת הבר מצוה שלו**

**י"א שבט, ה'פרצת**

שישים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו


Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd à 1/25/2010 12:30:16 AM

# מפתח


**פתח דבר** ........ ג

**פרק א** ........ ה

שם התואר / שם המושאל / נפש הבהמית / ארבע יסודות / קליפה

**פרק ב** ........ יג

נפש האלקית / הוא וחכמתו אחד / סדר השתלשלות

**פרק ג** ........ כא

שלש אמות / שבע כפולות / שבעת ימי הבנין / חכמה, בינה, דעת / ממלא כל עלמין / סובב כל עלמין/ כלות הנפש

**פרק ד** ........ לא

לבושי הנפש: מחשבה, דיבור, מעשה / רמ"ח אברין דמלכא / זיו השכינה

**פרק ה** ........ לט

לית מחשבה תפיסא בך כלל / יחוד נפלא / מזון הנשמה, לבושי הנשמה

**פרק ו** ........ מה

זה לעומת זה עשה אלוקים / עשר כתרין דמסאבותא / סטרא אחרא / שלש קליפות הטמאות

**פרק ז** ........ נא

קליפת נוגה / רשימו / תשובה מאהבה (רבה) / זדונות נעשו לו כזכיות

**פרק ח** ........ נט

שד משדין נוכראין / שד משדין יהודאין / חיבוט הקבר / כף הקלע / גיהנם

**פרק ט** ........ סז

מקום משכן נפש הבהמית / מקום משכן נפש האלקית / עיר קטנה / אהבה כרשפי אש / אהבה בתענוגים

**פרק י** ........ עה

צדיק גמור / צדיק שאינו גמור / צדיק וטוב לו / צדיק ורע לו / מואס ברע / בני עלי'ה

**פרק יא** ........ פא

רשע וטוב לו / רשע ורע לו / הרהורי עבירה קשים מעבירה

**פרק יב** ........ פז

הבינוני / שעת מוחין דגדלות / המוח שליט על הלבב

ב"ה

# פתח דבר

מיט לויב און דאנק צו השי"ת גיבן מיר ארויס דעם קובץ "מושגים אין תניא" אויף פרקים א־י"ב, וואס איז געשריבן פאר יונגע תלמידים. די "מושגים" זיינען געשריבן געווארן מיט קורצע אפטייטשונגען און לייכטע ביאורים, צו העלפן פארשטיין די אינהאלט פון פרק. פון יעדער פרק אין תניא איז גענומען געווארן עטליכע "מושגים" וואס דער אלטער רבי ברענגט אין פרק; אמאל זיינען די מושגים א עיקר און יסוד פון דעם פרק, און אמאל ווערן זיי געבראכט נאר בדרך אגב.

* * *

אין א בריוו וועגן א בר־מצוה שרייבט דער רבי, כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו[1], אז אלץ א פאסיקע הכנה צו ווערן בר־מצוה, זאל דער בר־מצוה בחור לערנען דעם הייליקן ספר התניא. דער רבי שרייבט אז דאס זאל זיין א גוטע התחלה אין זיין עבודת השם אין דער וועג פון "כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו", אויף וועלכע ספר התניא איז געבויט.

לויט דעם אנווייזונג פון דער רבי, האב איך געלערנט מיט מיין טאטע שי' במשך דער לעצטער יאר א טייל פון ספר התניא מיט "שיעורים בספר התניא", און פארשריבן די "מושגים" וואס ווערן געבראכט אין יעדן פרק. די "מושגים" קומט יעצט ארויס אין דרוק אין צייט פון מיין בר מצוה.

איך וויל אפדאנקען מיין טאטע שי' פאר לערנען מיט מיר און פאר העלפן מיר שרייבן און איבערארבעטן די מושגים; ווי אויך צו הרב מרדכי שי' דינערמאן פאר זיין הילף אין לערנען און איבערקוקן די מושגים פארן דרוק.

איך וויל זייער אפדאנקען מיינע טייערע עלטערן שיחיו און מיינע טייערע מלמדים און מחנכים אין ישיבה "אהלי מנחם" פאר זייער חינוך, הדרכה און איבערגעגעבנקייט. ווי אויך צו מיינע טייערע ברידער הת' אייזיק גרשון, הת' מנחם מענדל, יוסף, שלום דובער, אברהם זאב, יהושע זעליג שיחיו און שוועסטער חי' מושקא שתחי' פאר זייער שטענדיקע הילף.

1) אגרות־קודש חלק ט עמוד רכא.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd â 1/25/2010 12:30:24 AM

* * *

מיט א תפילה צו השי"ת אז דער קובץ זאל זיין א הילף צו תלמידים וואס פאנגען אן לערנען תניא און עס זאל נאכמער פארשפרייטן די ליכטיקייט פון חסידות און דערנענטערן די גאולה. הרב הצדיק ר' זושא פון אניפאלי האט געזאגט: "מיט'ן ספר התניא וועלן אידן גיין אנטקעגן משיח צדקנו". יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין צו גיין צו דער גאולה האמיתית והשלימה מיט'ן ספר התניא, במהרה בימינו ממש.

**לוי מינץ**

ערב יום הקדוש יו"ד שבט, ה'פרצת
יום מלאות ששים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו
ויום ההילולא של כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ã 1/25/2010 12:30:24 AM

# פרק א

- שם התואר
- שם המושאל
- נפש הבהמית
- ארבע יסודות
- קליפה

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ä
1/25/2010 12:30:24 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd å 1/25/2010 12:30:26 AM

## שם התואר, שם המושאל

״שם התואר״ מיינט דער נאָמען וואָס ווערט גענוצט צו באַצייכענען דעם אמת׳ן מהות, נאַטור און דרגא פון אַ זאַך אָדער אַ מענטש.

״שם המושאל״ מיינט אַ אויסגעבאָרגטער נאָמען, ניט דער אמת׳ער נאָמען פון דער זאַך אָדער מענטש. דאָס הייסט, ווען מען באָרגט אַ נאָמען פון עפּעס אַנדערש כדי אַרויסצוברענגען אַ געוויסן פרט אָדער טבע פון דער זאַך, וואָס ווערט בעסער פאַרשטאַנען און פאַרצייכנט מיטן אויסגעליענעם נאָמען.

אין הלכה ווערן די תוארים צדיק און רשע בדרך כלל באַצייכנט מיטן ״שם המושאל״, און אין חסידות ווערט גענוצט דער ״שם התואר״:

לויט ווי די גמרא און פוסקים ערקלערן די תוארים ״צדיק״ און ״בינוני״, אַז אַ בינוני איז דער וואָס זיינע מעשים טיילן זין אָפּ ״מחצה על מחצה״, העלפט מצוות און העלפט עבירות, ווערט אַזאַ מענטש אָנגערופן מיטן ״שם המושאל״ – בינוני. און אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ מערהייט פון מצוות, ווערט אָנגערופן מיטן ״שם המושאל״ – צדיק. ווייל די גמרא און פוסקים רעדן ווי דער מענטש ווערט גע׳משפט פאַר זיינע מעשים כדי צו באַשטימען זיין שכר און עונש, און וויבאַלד אַ מענטש ווערט גע׳משפט לויט די מערהייט פון זיינע מעשים דעריבער ווערט ער אַזוי אנגערופן אין הלכה (מיט׳ן שם המושאל).

אָבער לויט ווי דער אַלטער רבי ערקלערט אין תניא, איז דער תואר צדיק, דער אמת׳ער נאָמען און באַדייט פון ״צדיק״, שייך מערניט צו אַ מענטש וואָס איז אינגאַנצן געהערשט דורך זיין יצר טוב. בלויז אַזאַ מענטש קען אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען ״צדיק״, אַלס אַ ״שם התואר״.

אין גמרא און הלכה ווערט גענוצט דער ״שם המושאל״ צדיק, רשע און בינוני, אַזוי:

| | |
|---|---|
| **צדיק** | ווען דער ״רוב״ (מערהייט פון די) מעשים פון אַ מענטש זיינען מצוות |
| **בינוני** | אַ מענטש וואָס זיינע מעשים טיילן זיך אָפּ אויף האַלב - העלפט מצוות און העלפט עבירות. |

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd æ 1/25/2010 12:30:26 AM

**רשע** ווען דער "רוב" (מערהייט פון די) מעשים פון אַ מענטש זיינען עבירות

**אין די שפּעטערדיקע פּרקים פון תניא, ערקלערט דער אַלטער רבי דעם "שם התואר" פון אַ צדיק וטוב לו, צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, רשע ורע לו און בינוני, אַזוי:**

**בינוני** אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין עבירות, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ אַ יצר הרע וואָס וויל טאָן עבירות.

**צדיק וטוב לו** אַ מענטש וואָס האָט שוין נישט קיין יצר הרע, און ער איז אינגאַנצן "מואס ברע" (ער פאַר'מיאוס'ט און האָט פיינט שלעכטס).

**צדיק ורע לו** אַ מענטש וואָס האָט אין זיך אַביסל שלעכטס, אָבער דאָס איז אינגאַנצן בטל צום נפש האלקית, אָבער ער איז נאָך אַלץ ניט "מואס ברע" (ער האָט ניט אינגאַנצן פיינט שלעכטס).

**רשע וטוב לו** אַ מענטש וואָס טוט עבירות, אָבער ער האָט נאָך אין זיך טוב (וואָס ווירקט אויף אים צו טאָן תשובה, אָדער חרטה האָבן אויף זיינע מעשים).

**רשע ורע לו** אַ מענטש וואָס טוט עבירות און האָט קיינמאָל ניט קיין חרטה אויף זיינע מעשים.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ç 1/25/2010 12:30:27 AM

## נפש הבהמית

די נפש הבהמית איז די ערשטע נפש וואָס קומט אַריין אין אַ מענטש אין צייט פון זיין געבורט און באַלעבט אים און גיט אים חיות. די דאָזיקע נפש טוט זיך אָן אין די בלוט פון אַ מענטש[1], און דורך דעם וואָס די בלוט גייט אַדורך און אַרום אַלע אברים פון דער גוף, באַקומט דער גאַנצער גוף איר חיות פון די נפש הבהמית. דעריבער ווערט די נפש אויך אָנגערופן "נפש החיונית", די נפש וואָס גיט חיות צום מענטש.

וויבאַלד די נפש הבהמית גיט חיות צום מענטש און דורך איר באַקומען אַלע טיילן פון גוף זייער גשמיות'דיקע חיות, דעריבער שטאַמען פון איר אַלע נאַטירלעכע זאַכן פון אַ מענטש (אַזוי ווי עסן, שלאָפן, און אַזוי ווייטער).

צוליב דעם ווערט די נפש אנגערופן "נפש הבהמית", ווייל אַזוי ווי אַ בהמה פילט מערניט ווי איר גשמיות'דיקן לעבן און עקזיסטענץ, און במשך דעם גאנצע לעבן פון אַ בהמה איז זי פאַרזאָרגט מערניט וועגן אירע גשמיות'דיקע באַדערפעניש, אַזוי אויך ווירקט די נפש הבהמית אויף אַ מענטש, ער זאָל פילן מערניט ווי זיין גשמיות'דיקן לעבן און טראַכטן מערניט וועגן די גשמיות'דיקע באַדערפענישן פון זיין גוף.

די נפש הבהמית רוט אין האַרץ פון אַ מענטש. די האַרץ האָט צוויי זייטן (חללים): די רעכטע זייט און די לינקע זייט. די נפש הבהמית רוט אין דער לינקער זייט פון האַרץ, און פון דאָרט ווירקט זי אויף אַלע אברים פון גוף.

די נפש הבהמית קומט פון קליפה און סטרא אחרא, און פון איר קומען די מידות אין אַ מענטש. סיי די נישט גוטע מידות וואָס אַ מענטש האָט, ווי אויך די נאַטירלעכע גוטע מידות וואָס אַ איד פאַרמאָגט — ביידע נעמען זיך פון זיין "נפש הבהמית".

עס איז פאַראַרן אַן אונטערשייד צווישן די נפש הבהמית פון אַ איד און די נפש

1) וויבאלד די בלוט פון אַ מענטש האט אין זיך אויך רוחניות (זי ווערט אָנגערופן "רוחניות שבגשמיות"), דעריבער קען די נפש וואָס איז אויך רוחניות זיך אָנטאָן אין איר, און דורך איר באַלעבן דעם גאַנצן גוף וואָס איז אינגאַנצן גשמיות.

הבהמית פון אַ גוי:

די נפש הבהמית פון אַ גוי קומט פון די דריי טמא׳דיקע קליפּות, די ״שלוש קליפּות הטמאות״ (וואָס איז אינגאַנצן שלעכט). אָבער די נפש הבהמית פון אַ איד קומט פון ״קליפּת נוגה״ וואָס האָט אין זיך אויך גוטס. פון די גוטס פון די נפש הבהמית פון אַ איד שטאַמען די גוטע נאַטירלעכע מידות פון אַ איד, אַזוי ווי רחמנות און גמילת חסדים.

ווען אַ איד טוט אַן עבירה, איז זיין מחשבה דיבור אָדער מעשה פאַרבונדן מיט די ״שלש קליפּות הטמאות״ וואָס זיינען אינגאַנצן שלעכט. קומט אויס אַז די מחשבה דיבור אָדער מעשה פון אַן עבירה איז נאָך נידעריקער פון די נפש הבהמית אליין — וואָס איז פון קליפּת נגה.

אַזוי ווי די נפש האלקית באַשטייט פון צען כוחות, וואָס זיי זיינען: חכמה, בינה, דעת, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות, און דריי לבושים: מחשבה דיבור און מעשה, אַזוי אויך האָט די נפש הבהמית די צען כוחות און דריי לבושים אין אַן אופן פון טומאה.

⧗ ⧗ ⧗

## ארבע יסודות

יעדער באַשעפעניש אין וועלט איז צוזאַמען געשטעלט פון פיר יסודות: אש, רוח, מים און עפר (פייער, לופט, וואַסער און ערד).

די פיר יסודות זיינען אויסגעשטעלט אין דעם אופן וואָס דער איידעלערער און גרינגערער יסוד רינגלט אַרום און איז ״מקיף״ דעם שווערן יסוד. למשל: דער יסוד העפר (ערד) וואָס איז דער שווערסטער יסוד, איז דער נידעריקסטער פון די פיר יסודות. דער יסוד המים (וואסער) האָט צוליב איר נאַטור געדאַרפט זיין אַריבער און אַרומרינגלען דעם עפר (עס איז נאָר צוליב דעם חסד פון ה׳, אַז ״לרוקע הארץ על המים״ — אַז די ערד איז אויסגעשפּרייט איבער די וואַסער). יסוד הרוח (לופט) איז העכער פון וואַסער און רינגלט איר אַרום; און יסוד האש (פייער) ציט זיך העכער און רינגלט אַרום דער יסוד פון רוח.

אַזוי ווי יעדער גשמיות׳דיקע זאַך נעמט זיך פון די פיר גשמיות׳דיקע ״יסודות״, אַזוי אויך נעמט זיך יעדער רוחניות׳דיקע זאַך פון די פיר ״יסודות״ ברוחניות. די נפש הבהמית נעמט זיך אויך פון די פיר ״יסודות״ אָבער זייענדיק אַ נפש וואָס איז רוחניות׳דיק, זיינען אירע יסודות אויך ברוחניות.

וויבאַלד אַז דער נפש הבהמית שטאַמט פון קליפּה און סיטרא אחרא, קומט פון איר פיר יסודות אַלע שלעכטע מידות פון אַ מענטש.

למשל: כעס און גאוה נעמען זיך פון דעם יסוד פון פייער (אש); פּונקט ווי דער נאַטור פון פייער איז צו שטענדיק אַרויפגיין העכער און העכער, אַזוי אויך איז די נאַטור פון די גאוה וואָס נעמט זיך פון פייער, צו ווירקן אויף אַ מענטש זיך צו האַלטן העכער און גרעסער פון אַנדערע. אַזוי אויך איז די מידה פון כעס, וואָס נעמט זיך פון פייער, וואָס ווירקט אויף אַ מענטש זיך צו האַלטן גרויס און במילא טראַכט ער אַז עס קומט אים אַלץ, און ווען ער קריגט עפּעס נישט ווערט ער אין כעס.

פון דעם יסוד פון וואַסער (מים) וואָס זי מאַכט וואַקסן אַלע סאָרטן זאַכן וואָס גיבן פאַרגעניגן (תענוג) קומען אַלע תאוות וואָס אַ מענטש האָט פון זיי פאַרגעניגן; פון דעם יסוד פון לופט (רוח) וואָס האָט ניט קיין תוכן און ממשות קומען די מידות פון צולאָזנקייט (הוללות), ליצנות , באַרימערייַ (התפּארות), און פּוסטע רייד (דברים בטלים) וואָס ענדליך צו לופט (רוח) האָבן די מידות ניט קיין תוכן און ממשות; זיי זענען פּוסט. למשל התפּארות מיינט באַרימערייַ פון אַ מענטש ווען ער האָט גאָרניט מיט וואָס זיך צו באַרימען. פון דעם יסוד פון ערד (עפר) וואָס בלייבט שטענדיק אויף איין אָרט און האָט אין זיך דער נאַטור פון שווערקייט און זינקט שטענדיק אַראָפּ, שטאַמען פון אים פוילקייט (עצלות), און אַראָפּגעפאַלנקייט (עצבות).

✶ ✶ ✶

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd éà 1/25/2010 12:30:28 AM

## קליפּה

קליפּה מיינט אַ שאָל. אַזוי ווי די שאָלעכץ פון אַ פרוכט פאַרדעקט און פאַרשטעלט אויף דער אינערליכע טייל פון פרוכט; אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן כחות וואָס זאָלן פאַרשטעלן אויף דער אינערלעכער ג־טלעכער חיות וואָס איז דאָ אין יעדער זאַך פון וועלט.

אין דעם מענטש פאַרשטעלט קליפּה אויף זיין ג־טליכער נשמה וואָס איז פאַראַן אין אים. קליפּה ווירקט אויף אַ מענטש זיך צו ציען צו גשמיות'דיקע זאַכן פון וועלט און שטערט אים פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

אָבער די שאָלעכץ פון אַ פרוכט דינט אויך אַלס אַ "שומר" אָפּצוהיטן און באַשיצן די פרוכט פון עלעמענטן וואָס קענען איר שעדיקן. אין עבודת ה' מיינט דאָס: ווען אַ מענטש אַרבעט אויף זיך און ווירקט אויף די כחות פון זיין נפש הבהמית אַז זיי זאָלן אויסגענוצט ווערן נאָר פאַר קדושה, דאַמאָלסט ווערט די "קליפּה" אויסגענוצט אין אַ גוטן אופן (וואָס היט און באַשיצט די פרוכט — די נפש האלוקית). אַזוי ווי מען דאַרף ערשט צעברעכן די שאָלעכץ צו קענען עסן די פרוכט, אַזוי אויך דאַרף אַ מענטש "צעברעכן" די קליפּה און די נישט־גוטע מידות וואָס נעמען זיך פון נפש הבהמית.

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd éá 1/25/2010 12:30:28 AM

# פרק ב

- נפש האלקית
- הוא וחכמתו אחד
- סדר השתלשלות

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ëâ 1/25/2010 12:30:29 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd éã 1/25/2010 12:30:30 AM

## נפש האלקית

יעדער איד האָט אַ נשמה וואָס ווערט אָנגערופן נפש האלקית, אַ ג־טליכע נפש, וועלכע איז ממש אַ טייל פון ה׳ – ״חלק אלוקה ממעל ממש״.

פון וועלכע מדריגה אין אלקות נעמט זיך די נפש האלקית? ערקלערט דער אַלטער רבי אַז ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן אדם הראשון זיין נשמה, דערציילט די תורה ״ויפח באפיו נשמת חיים״ – ער האָט אַריינגעבלאָזט אין זיין נאָז אַ נשמה פון לעבן. דער זוהר ערקלערט אַז ווען אַ מענטש בלאָזט, בלאָזט ער פון זיין אינעווייניק (נישט אַזוי ווי בשעת אַ מענטש רעדט, וואָס דעמאָלט קומט עס ניט פון גאָר אינעווייניק פון דער מענטש). וויבאַלד דער פסוק נוצט דעם לשון ״ויפח״, ווייזט דאָס אַז די נשמה פון אדם הראשון נעמט זיך פון די אינעווייניק פון ה׳. און וויבאַלד די נשמה פון אָדם איז אַ נשמה כללית, וואָס נעמט אַרום אַלע נשמות פון אידן, איז דאָס אויך געזאָגט געוואָרן וועגן נשמה פון יעדער איד.

דער אָרט וואו די נפש האלקית רוט איז אין די מוח (די קאָפּ) פון אַ מענטש און פון דאָרטן ווערט עס פאַרשפּרייט צו אַלע זיינע אברים. דער נפש האלקית וויל אַז דער גוף זאָל איר פאָלגן און זיך אויפירען לויט אירע אָנווייזונגען און דער נפש הבהמית וויל אַז דער גוף זאָל איר פאָלגן און זיך אויפירען לויט אירע אָנווייזונגען. עס איז אַזוי ווי ווען צוויי קעניגן פירן אַ מלחמה צווישן זיך, כדי צו הערשן איבער אַ שטאָט.ביידע פון זיי ווילן אַז די שטאָט זאָל זיך פירן לויט זיינע חוקים און אָנווייזונגען. אַזוי אויך קעמפן די נפש האלקית און נפש הבהמית צו באַהערשן דעם לעבן און אויפירונגען פון דעם מענטש.

די נפש האלקית האָט עשר כוחות (צען כוחות) וואָס זיי זיינען חכמה, בינה, דעת, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות (די ראשי תבות פון דעם איז חב״ד חג״ת נהי״ם). דער נפש האלקית האָט אויכעט דריי לבושים מחשבה דיבור און מעשה וועלכע ווערן גענוצט דורך דעם מענטש צו דינען ה׳ אין זיין טראַכטן, רעדן און טאָן תורה און מצוות.

כאָטש די נפש האלקית איז דער עיקר נפש פון דעם מענטש און איז דער הייליקער און ג־טליכע נפש וואָס טוט זיך אָן אין דעם מענטש, רופט אָן דער אַלטער רבי דעם נפש האלקית – די צווייטע נפש (״נפש השנית״) ווייל:

1. די נפש הבהמית קומט אַריין בשלימות גלייך ווען אַ מענטש איז געבאָרן געוואָרן, אָבער די נפש האלקית קומט ניט אַריין בשלימות ביז די בר מצוה, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין שולחן ערוך (סימן ד) אַז דער עיקר אַריינגאנג פון די נפש האלקית איז ווען אַ מענטש ווערט דרייצן יאָר אַלט (אָדער ביי אַ מיידל ווען זי ווערט צוועלף יאָר)[2].

2. די נפש האלקית מצד זיך אַליין דאַרף ניט אַראָפּקומען אויף דער וועלט, וויבאַלד אַז זי שטאַמט דאָך פונעם אויבערשטן אַליין און איז אַ "חלק אלוקה ממעל ממש", און זייענדיק למעלה געפינט זי זיך אין גאָר אַ הייליקן און ג־טליכן אָרט. די איינציקע סיבה פאַרוואָס די נפש האלקית קומט אַראָפּ אויף דער וועלט איז כדי צו פאַריכטן און אויסאיידעלען די נפש הבהמית. וויבאַלד אַז די נפש וואָלט ניט אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט אויב נישט פאַר די נפש הבהמית, ווערט עס אָנגערופן די נפש השנית — די צווייטע נפש.

3. די נפש האלקית ווי זי קומט אַראָפּ און אַנטפּלעקט זיך אויף דער וועלט איז נישט ווי זי איז באמת פאַר זיך למעלה. דער חלק פון נפש האלקית וואָס קומט אַראָפּ איז מערניט צו קענען משפיע זיין אויף דעם נפש הבהמית. אַנדערש איז די נפש הבהמית וואָס איז אינגאַנצן אַנטפּלעקט אין דעם מענטש אויף דער וועלט. דעריבער ווערט די נפש האלקית אָנגערופן די צווייטע נפש ("נפש השנית")[3].

✶ ✶ ✶

---

2) אזוי ווערט ערקלערט אין ספר המאמרים עת"ר (ע' סג) פון כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע.

אבער דער רבי (אין שיחת־קודש ש"פ מקץ תשכ"ו) נעמט נישט אן דער טעם ווייל עס איז ניט מסתבר צו זאגן אז נאר צוליב א קדימה בזמן, ווייל זי קומט אריין אין גוף פריער, זאל זי אנגערופן ווערן די "ערשטע" נפש, בשעת די נפש האלקית איז אסאך העכער פון די נפש הבהמית. דעריבער איז דער רבי מבאר אז דער גאנצע טעם פארוואס די נפש האלקית קומט אראפ אויף דער וועלט איז מערניט צו פאריכטן און מברר זיין די נפש הבהמית, דעריבער ווערט עס אנגערופן די נפש השנית.

3) דער רבי אין ספר המאמרים תשכ"א עמוד עא.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd èæ 1/25/2010 12:30:31 AM

## הוא וחכמתו אחד

די חכמה פון דעם אויבערשטן איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן אַליין.

ביי אַ מענטש געפינען מיר אַז ווען ער פאַרשטייט אַ נייע פאַרשטאַנד זיינען פאַראַן דריי זאַכן:

1. דער מענטש אַליין וועלכע פאַרשטייט דער פארשטאַנד

2. דער כח מיט וואָס ער פאַרשטייט

3. די זאַך (די הלכה אָדער סברא) וואָס ער פאַרשטייט

אָבער ביי דעם אויבערשטן זיינען די דריי זאַכן איינס; זיי זיינען אַלע פאַראייניציקט מיט דעם אויבערשטן. ווי דער רמב"ם שרייבט[4] אַז ביים דעם אויבערשטן איז "הוא המדע והוא היודע והוא הידוע" – דער אויבערשטער אַליין איז דער וואָס פאַרשטייט, דער כח מיט וועלכע ער פאַרשטייט און די זאַך וועלכע ווערט פאַרשטאנען.

די סיבה אויף דעם אונטערשייד איז ווייל אַ מענטש איז צוזאַמענגעשטעלט ("מורכב") פון באַזונדערע זאַכן (זיין שכל, זיין מדות, און אַזוי ווייטער), דעריבער איז דער מענטש און די חכמה וועלכע ער פאַרשטייט – צוויי באַזונדערע זאַכן. אָבער דער אויבערשטער איז נישט צוזאַמענגעשטעלט ח"ו פון באַזונדערע זאַכן, נאָר ער איז פאַראייניציקט מיט אַלץ און אַלץ איז אַ חלק פון ה' ("אחדות ה'"). דעריבער איז דער אויבערשטער ("הוא") און זיין חכמה ("וחכמתו") איין זאַך מיט דעם אויבערשטן אַליין ("אחד").

דער אַלטער רבי שרייבט אין פרק ב אַז דער ענין פון "הוא וחכמתו אחד", קען אַ מענטש נישט פאַרשטיין און באַגרייפן מיט זיין מענטשליכע שכל[5]. ווי די תורה זאָגט אונז[6]: "החקר אלוקה תמצא"? – אויב דו וועסט פאָרשן צו פאַרשטיין דעם

4) הלכות יסודי התורה פרק ב הלכה יו"ד.

5) ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות יסודי התורה שם): "ודבר זה אין כח בפה לאמרו, ולא באוזן לשמעו ולא בלב האדם להבינו על בוריו".

6) איוב יא, ז.

אויבערשטן, ווערסטו דען געפינען און פאַרשטיין? און אַזוי אויך שטייט[7]: "כי לא מחשבותי מחשבותיכם" – אַז דער אויבערשטער זאָגט: מיינע מחשבות זיינען ניט (ווי) אייערע מחשבות.

(אין די הגה"ה אין אָנהייב פון תניא פרק ב, שרייבט דער אַלטער רבי אַז כאָטש אַנדערע גדולי ישראל[8] האַלטן אַז מען קען נישט זאָגן אויף דעם אויבערשטן "הוא וחכמתו אחד" (ווייל דאָס באַגרעניצט דעם אויבערשטן), אָבער די חכמי הקבלה זיינען מודה צום רמב"ם און האַלטן ווי אים אַז מען קען יאָ זאָגן אויף דעם אויבערשטן "הוא וחכמתו אחד".)

## סדר השתלשלות

מיר ווייסן אַז דער אויבערשטער איז אומבאַגרעניצט ("בלי גבול"). ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער געוואָלט באַשאַפן אַ גשמיות'דיקע און באַגרעניצטע וועלט, מיט גשמיות'דיקע באַגרעניצטע מענטשן וואָס זאָלן אים דינען און מאַכן פון די גשמיות'דיקע באגרעניצטע וועלט א "דירה לו יתברך" – א וואוינונגס אָרט פאר ה'. דאָס ווערט אויפגעטאָן ווען מיר זיינען מקיים תורה און מצות זייענדיק אַ נשמה אין אַ גוף אין אונזער גשמיות'דיקע וועלט.

ווי האָט דער אויבערשטער (וואָס איז אינגאַנצן רוחניות און אומבאַגרעניצט) באַשאַפן אַ גשמיות'דיקע און באַגרעניצטע וועלט? איז דאָס געווען דורך "סדר השתלשלות".

"סדר השתלשלות" מיינט אַז דער אויבערשער האָט ערשט באַשאַפן רוחניות'דיקע וועלטן. יעדער וועלט איז נידעריקע (אין איר מדרגה) ווי די אַנדערע, העכערע וועלט. מיט וואָס איז איין וועלט געווען נידעריקער ווי אַ צווייטע? מיט

7) ישעי' נה, ח.

8) די מהר"ל מפראג און אנדערע.

דעם וואָס אין איר איז געווען באַהאַלטן די ג־ט׳ליכע ליכטיקייט (אור אלוקי). וואָס העכער די וועלט איז געווען — אַלץ מער האָט אין איר געלויכטן געטליכקייט; וואָס נידעריקע די וועלט — אַלץ מער איז געטליכקייט געווען באַהאַלטן אין איר.

עס ווערט אָנגערופן ״סדר השתלשלות״, ווייל יעדער וועלט קומט אַראָפּ און נעמט זיך (איז ״משתלשל״) פון אַ העכערע וועלט. אַזוי ווי אַ לאַנגע קייט (שלשלת) וואָס ציט זיך פון איין אָרט צו אַ צווייטן, פונדעסטוועגן איז יעדער רינגל פאַרבונדן מיט אַ צווייטן רינגל.

צוליב דעם איז נויטיק צו האָבן די ״סדר השתלשלות״, ווייל דוקא דורך דעם איז געווען מעגליך אַז דער אויבערשטער (וואָס איז אינגאַנצן רוחניות און אומבאַגרעניצט) זאָל באַשאַפן אַ גשמיות׳דיקע און באַגרעניצטע וועלט.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ë 1/25/2010 12:30:32 AM

# פרק ג

- שלש אמות
- שבע כפולות
- שבעת ימי הבנין
- חכמה, בינה, דעת
- ממלא כל עלמין
- סובב כל עלמין
- כלות הנפש

Tanya_MInitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd ëà 1/25/2010 12:30:32 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ëá 1/25/2010 12:30:34 AM

## שלש אמות

די צען ספירות (חכמה, בינה, דעת, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות) צעטיילן זיך אויף צוויי פאַרטיילונגען. איין טייל זיינען ספירות וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט ״שכל״, און די צווייטער טייל פאַרבונדן מיט ״מדות״. די ״שכל״ ספירות, ווערן אָנגערופן ״אמות״, און די איבעריקע זיבן, זיינען תולדות.

״שלש אמות״ מיינט די דריי ספירות וועלכע ווערן אָנגערופן ״אמות״ פון לשון ״אם״ (מוטער), ווייל אַזוי ווי אַ מוטער געבורט אַ קינד, אַזוי אויך ווערן געבאָרן פון די דריי ״מוטערס״ אירע ״תולדות״ וואָס זיינען די זיבן מדות. די דריי ״מוטער ספירות״ זיינען חכמה, בינה און דעת, וואָס פון זיי ווערן ״געבאָרן״ און אַנטפּלעקט די זיבן מדות (חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות)[9].

אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן צען ספירות למעלה, אַזוי אויך זיינען פאַראַן צען כחות ביי אַ מענטש (וויבאַלד דער נפש פון אַ מענטש קומט פון די צען ספירות). אַזוי ווי די ספירות למעלה צעטיילן זיך אויף צוויי פאַרטיילונגען, די ״שכל״ ספירות און די ״מדות״ ספירות, אַזוי אויך זיינען זיי צעטיילט ביי אַ מענטש דאָ אין אונזער וועלט:

די זיבן מדות פון אַ מענטש ווערן באַשטימט לויט די דריי כחות פון זיין ״שכל״ (חכמה, בינה און דעת)[10]. למשל, ווען אַ מענטש טראַכט זיך אַריין (מיט זיין חכמה, בינה) וועגן אַ מענטש וואָס האָט אים געטאָן אַ גרויסע טובה, ווירקט דאָס אויף זיינע מדות און עס ווערט ״געבוירן״ מדת החסד צו וועלן טאָן מיט אים חסד. וואָס מער ער איז זיך מתבונן אין די טובה, אַלץ מער ווערט ביי אים דערוועקט און אַנטפּלעקט די מדה פון חסד.

דער אַלטער רבי איז מסביר אין פרק ג׳ אַז בשעת אַ מענטש טראַכט זיך אַריין

---

9) דער אלטער רבי אין תניא פרק ג רעכנט אויס מערניט ווי די דריי ערשטע מידות (חסד, גבורה און תפארת) אלץ ״תולדות״, ווייל לויט ווי ערקלערט אין חסידות זיינען די דאזיקע דריי מידות די עיקר פון די מידות, און פון זיי נעמען זיך די אנדערע פיר מידות (נצח, הוד, יסוד, און מלכות).

10) אזוי ווי ווי מיר זען בא א קליין קינד, וויבאלד זיין שכל איז נאך אלץ ניט אינגאנצן אנטוויקלט, ווירקט דאס אויכעט אויף זיינע מידות. ווען ער ווערט עלטער און זיין שכל ווערט מער אנטוויקלט, פועל׳ט דאס אויך אויף זיינע מדות.

און איז מתבונן מיט זיין שכל וועגן דער גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, ווערט "געבוירן" אַ מדה פון ליבשאַפט צום אויבערשטן (אהבה) און אַ מדה פון פּחד און שרעק פאַר דעם אויבערשטן (יראה).

* * *

## שבע כפולות

די זיבן מדות (חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות) וועלכע ווערן "געבוירן" פון די דריי "מוטערס" (חכמה, בינה און דעת), ווערן גערופן "כפולות" – דאָפּלטע.

מיר געפינען צוויי טעמים פאַרוואָס זיי ווערן גערופן "כפולות" – דאָפּלטע:

1. וויבאַלד זיי דריקן זיך אויס אין צוויי וועגן. אַנדערש ווי ביי שכל, געפינט מען אַז מידות דריקן זיך אויס אַמאָל אין אַ שטאַרקע אופן, און אַמאָל אין אַ שוואַכע אופן. אַזוי ווי מיר זען ביי אַ מענטש, אַמאָל דריקט זיך אויס אַ מדה (למשל די מדה פון אהבה אָדער יראה) אין שטאַרקע אופן, און אַ מאָל אין אַ שוואַכע אופן.

2. ווייל יעדער פון די מידות איז כולל און האָט אין זיך אויך אַנדערע (אַפילו פאַרקערטע) מידות. למשל די מדה פון חסד: אַפילו ווען אַ מענטש איז משפיע חסד, מוז דאָס אויך זיין געמישט מיט די מדה פון גבורה; ער דאַרף מאַכן זיכער אַז די מענטש מיט וועמען ער טוט חסד איז ראוי צו באַקומען די חסד; ער דאַרף מאַכן זיכער אַז ער וועט עס נישט אויסנוצן פאַר נישט־ גוטע זאַכן. כדי צו פאַרזיכערן אַז די מדה פון חסד איז ווי עס דאַרף צו זיין, נוצט מען אויך די מדה פון גבורה. אַזוי אויך די מדה פון גבורה: ווען אַ טאַטע אָדער מלמד שטראָפט אַ קינד, זעט זיך אָן מערניט די מדה פון גבורה. אָבער באמת איז פאַראַן אויך די מדה פון חסד. ווייל די אמת'ע טעם פאַרוואָס ער שטראָפט דעם קינד איז פאַר זיין גוטס, צו אים מחנך זיין צו לערנען גוט און זיך אויספירן בעסער.

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ëã 1/25/2010 12:30:35 AM

## שבעת ימי הבנין

דער אַלטער רבי רופט אָן די זיבן מדות (חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות) וועלכע ווערן ״געבוירן״ פון די ספירות חכמה, בינה און דעת: ״שבעת ימי הבנין״ – די זיבן טעג פון בויאונג.

מיט די זיבן מדות האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט. אַזוי ווי עס שטייט ״עולם חסד יבנה״ – מיט די מדה פון חסד (די ערשטע פון די מדות) האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט.

אין יעדערע פון די זיבן טעג האָט געלויכטן אַ באַזונדערע מדה; יעדן טאָג האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט מיט אַ באַזונדער מדה. דעם ערשטן טאָג פון בריאת העולם האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט מיט די מידה פון חסד; דעם צווייטן טאָג, מיט די מידה פון גבורה; דעם דריטן טאָג מיט די מידה פון תפארת; דעם פערטן טאָג מיט די מידה פון נצח; דעם פינפטן טאָג מיט די מידה פון הוד; דעם זעקסטן טאָג מיט די מידה פון יסוד און שבת קודש מיט די מידה פון מלכות. דערפאַר ווערן די זיבן מידות אָנגערופן די ״שבעת ימי הבנין״ – די זיבן טעג פון בויאונג.

פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט מיט די זיבן מדות?

דער אונטערשייד צווישן מוחין (שכל) און מידות איז: שכל ווערט גענוצט בעיקר פאר דער מענטש אליין. ער קען זיצן פאַר זיך און טראַכטן השכלות. אַנדערש איז אָבער זיינע מידות, וועלכע ווערן גענוצט נישט פאַר דער מענטש אַליין נאָר פאַר אַנדערע (למשל, די מידה פון אהבה און חסד – ער האָט ליב אַן אַנדער מענטש אָדער זאַך; ער איז משפיע חסד צו אַ צווייטן. די מידה פון יראה – ער האָט מורא פון עפּעס אָדער איימיצער אַנדערש). אַזוי אויך, ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט (פאַר אַנדערע) האָט ער דאָס געטאָן מיט די זיבן מדות.

⁂

## חכמה, בינה, דעת

אין יעדער שכל־פאַרשטאַנד זיינען פאַראַן עטליכע "שלבים" ווי עס ווערט אַנטוויקלט און אַנפּלעקט. פריער קומט די ערשטע בליץ סברא וואָס אַנטהאַלט די צענטראַלע נקודה אָבער דער שכל־פאַרשטאַנד איז נאָך אַלץ נישט קלאָר און פאַרשטאַנדיק. דערנאָך טראַכט זיך אַריין דער מענטש און ער פאַרטיפט זיך אין דער סברא און נעמט עס פאַנאַנדער כדי דאָס גרונטיק פארשטיין מיט אַלע אירע פרטים. דורך פאַרשטיין און פאַרטיפן זיך אין דער פאַרשטאַנד ווערט די מענטש אַזוי דערנומען מיט דער שכל־פאַרשטאַנד אַזוי אַרום אַז ער דערפילט די סברא אַזוי טיף אַז דאָס אַרט אים און דאָס איז אים נוגע בנפש.

חכמה: חכמה איז דער ערשטער איינפאַל פון אַ שכל־פאַרשטאַנד. דאָס איז די נקודה און די פינטעלע פון דער גאַנצער פאַרשטאַנד און קומט צו אַ מענטש ווי אַ בליץ אין זיין מוח. אָבער ער פאַרשטייט נאָך נישט די פרטים פון דעם שכל־פאַרשטאַנד, כאָטש אַפילו די חכמה פאַרמאָגט די גאַנצע שכל־פאַרשטאַנד און אַלע אירע פרטים, זיי זיינען אָבער נאָך אַלץ נישט אַנטפּלעקט.

בינה: נאָך דעם ערשטן איינפאַל פון אַ שכל־פאַרשטאַנד, טראַכט מען זיך אַריין און מען פאַרטיפט זיך אין דער סברא. דאַן ווערט עס קלאָר און גרונטיק מיט אַלע אירע פרטים.

דעת: נאָך דעם וואָס מען האָט זיך גוט אַריינגעטראַכט אין דער זאַך מיט אַלע אירע פרטים דאַרף ער פאַרטיפן זיין פאַרשטאַנד און זיך פאַרבינדן מיט דער זאַך וועגן וועלכע ער איז זיך מתבונן. למשל: אויב די זאַך וועגן וואָס ער טראַכט, ברענגט אַרויס גוט'ס פועל'ט דעת ער זאָל האָבן אַ ליבשאַפט צו דער זאַך. און אויב פאַרקערט פועל'ט דאָס אַז ער זאָל האָבן מורא פון דער זאַך און אַוועקלויפן פון דער זאַך.

* * *

## ממלא כל עלמין

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן און באַלעבט די וועלט שטענדיק דורך צוויי סאָרטן ג־טליכע אורות, וואָס ווערן אָנגערופן "ממלא כל עלמין" און "סובב כל עלמין".

"ממלא כל עלמין" איז אַ ג־טליכער אור וואָס שיינט און באַלעבט יעדער נברא מיט אַ ספּעציעלע באַזונדערער אור וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם נברא. דער ג־טליכער אור קומט אַראָפּ צו באַלעבן דער נברא און איז געמאָסטן און "מצומצם" לויט די נאַטור און באַדערפענישן פון דער פּרטית'דיקע נברא. עס ווערט אָנגערופן "ממלא כל עלמין" ווייל די חיות פון דער ג־טליכע כח איז "ממלא", עס פילט אָן אַלע נבראים לויט זייערע באַזונדערע באַדערפענישן. אַזוי ווי חז"ל זאָגן[11] "מה הנפש ממלאה את הגוף, כך הקדוש ברוך הוא ממלא את עולמו" – אַזוי ווי אַ נפש איז "ממלא", פילט אָן דער גוף און גיט אַן אַנדער סאָרט חיות צו יעדער באַזונדער אבר, אַזוי אויך איז דער אויבערשטער "ממלא", אַלע נבראים אין זיין וועלט און גיט יעדער פון זיי אַן אַנדער סאָרט חיות לויט וואָס זי דאַרף (ווי דער אַלטער רבי איז מסביר ווייטער אין פּרק נא).

בשעת אַ מענטש טראַכט זיך אַריין ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן און באַלעבט די וועלט שטענדיק דורך דעם אור פון "ממלא כל עלמין", ווי יעדער פּרט אין דער וועלט באַקומט איר חיות פון דעם אויבערשטן, ווירקט דאָס אויף אַ מענטש צו אַנערקענען די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן (גדלות הבורא). די אַנערקענונג קומט צו אַ מענטש דורך דעם וואָס ער זעט די ג־טליכע כח פון און אין דער וועלט אַליין.

✦ ✦ ✦

11) מדרש רבה, ויקרא ד, ח. מדרש תהלים קג.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ëæ 1/25/2010 12:30:36 AM

## סובב כל עלמין

דער אויבערשטער האט באשאפן און באלעבט די וועלט שטענדיק דורך צוויי סארטן ג־טליכע אורות, וואס ווערן אנגערפון "ממלא כל עלמין" און "סובב כל עלמין".

"סובב כל עלמין" איז גאר א הויכע ג־טליכע אור וואס איז אומבאגרעניצט (בלי גבול) און איז צו הויך אז יעדער נברא זאל קענען נעמען איר חיות פאר יעדער פרט באזונדער. דער "אור הסובב כל עלמין" איז דעריבער אפגעשיידט און דערהויבן פון די וועלטן, און לייכט און גיט די זעלבע סארט חיות צו אלע נבראים גלייך (ווי דער אלטער רבי איז מסביר ווייטער אין פרק מח).

בשעת א מענטש טראכט זיך אריין ווי דער אויבערשטער האט באשאפן און באלעבט די וועלט שטענדיק דורך דעם אומבאגרעניצטער אור פון "סובב כל עלמין" ברענגט דאס צו אן אנערקענונג פון די גרויסקייט פון דער אויבערשטער (גדלות הבורא) וואס איז העכער פון וועלט און איז אומבאגרעניצט (בלי גבול). אזוי ווי א מענטש אנערקענט די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן דורך וואונדערליכע נסים און נפלאות וואס טרעפן זיך אויף דער וועלט, וואס דעמאלט זעט ער ווי אין וועלט לייכט א ג־טליכע אור וואס איז העכער פון דער נאטור פון וועלט.

* * *

דער רבי מוהרש"ב האָט געזאָגט[12]: עס זיינען פאַראַן חסידים וואָס פרעגן און קלערן וואָס האָט אויפגעטאָן חסידות? ווי איך פאַר זיך רעכן – האָט דער רבי רש"ב געזאָגט – חסידות האָט אויפגעטאָן אַז יעדער איד זאָל קענען פאַרשטיין ווי דער אויבערשטער איז "ממלא כל עלמין" און "סובב כל עלמין". ווייל פאַר דעם, ניט יעדער איד האָט געקענט פאַרשטיין ג־טליכקייט. חסידות האָט אויפגעטאָן אַז יעדער איד, אַפילו אויב ער האָט ניט אַ הויכע נשמה, זאָל אויך קענען פאַרשטיין אַ ענין פון ג־טליכקייט. ניט נאָר "ממלא כל עלמין" און "סובב כל עלמין", נאָר יעדער ג־טליכע ענין וואָס ער לערנט זאָל ער דאָס קענען פאַרשטיין און דערהערן.

---

12) ספר השיחות תורת שלום עמוד 113.

## כלות הנפש

ווען אַ מענטש טראַכט זיך אַריין און איז זיך מתבונן אין די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן און דערוועקט אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן מיט טיפע געפילן פאַר ג־טליקייט, ווירקט דאָס אויפן מענטש צו האָבן אַ מורא׳דיקע דורשט און תשוקה צום אויבערשטן; צו לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות. ווען די ליבשאַפט צום אויבערשטן איז גאָר גרויס פועל׳ט דאָס אַז דער נשמה זאָל וועלן אַרויסגיין פון דער גוף און זיך פאַראייניקן אינגאַנצן מיט׳ן אויבערשטן. דאָס וועלן אַרויסגיין פון איר גוף ווערט אָנגערופן ״כלות הנפש״ – אַז די נפש גייט אויס צו ה׳.

דער מענטש לפועל האַלט זיך צוריק פון ״כלות הנפש״ ווייל זיין שכל זאָגט אים אַז דער אויבערשטער וויל דאָס ניט. דער אויבערשטער וויל אַז אַ מענשט זאָל בלייבן דוקא אַ נשמה אָנגעטאָן אין אַ גוף כדי צו קענען לערנען תורה און טאָן מצות מיט גשמיות׳דיקע זאַכן אויף דער גשמיות׳דיקע וועלט.

דער אַלטער רבי ערקלערט ווייטער אין תניא (ענדע פון פרק נ) אַז אַ מענטש דאַרף באמת וועלן אַרויסגיין פון זיין גוף, און זיך פאַראייניקן אינגאַנצן מיט ה׳. ווי אונזערע חז״ל זאָגן (פרקי אבות פרק ד משנה כב) ״על כרחך אתה חי״ – זיין לעבן אין אַ גוף דאָ למטה דאַרף זיין ״בעל כרחו״, ווי ער איז געצוואונגען. ווייל אַ מענטש דאַרף באמת וועלן אַרויסגיין פון זיין גוף און זיך פאַראייניקן מיט׳ן אויבערשטן מיט ״כלות הנפש״. אָבער, וויבאַלד אַז ער ווייס אַז דאָס איז נישט וואָס דער אויבערשטער וויל, פועל׳ט ער אויף זיך צו לעבן דאָ אין אונזער וועלט, זיין נשמה דוקא אין אַ גוף, ווייל די גאַנצע כוונה פון זיין געבורט אויף דער גשמיות׳דיקע וועלט איז כדי צו מאַכן אַ ״דירה לו יתברך״ דוקא דאָ ״בתחתונים״. דעריבער, זאָגט אָן די משנה נאָכדעם ״על כרחך אתה מת״, ווייל כאָטש ער וויל זיך זייער פאַרבינדן און זיין פאַראייניקט מיט׳ן אויבערשטן, צווינגט ער זיך צו לעבן מיט זיין נשמה אין זיין גוף כדי ער זאָל קענען מקיים זיין תורה און מצות בגשמיות.

# פרק ד

- לבושי הנפש:
  מחשבה, דיבור, מעשה
- לבושי נפש האלקית
- רמ"ח אברין דמלכא
- זיו השכינה

Tanya_Minitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd ïà 1/25/2010 12:30:38 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ìá 1/25/2010 12:30:40 AM

## לבושי הנפש: מחשבה, דיבור, מעשה

כדי אַז דער נפש פון אַ מענטש זאָל זיך קענען אַנטפּלעקן און אויסדריקן אירע אינערליכע כחות, האָט יעדער נפש דריי "לבושים" (קליידער) דורך וועלכע די נפש דריקט זיך אויס. אַזוי ווי קליידער פון אַ מענטש ברענגען אַרויס זיין שיינקייט און חשיבות, אַזוי אויך די "לבושי הנפש", די קליידער פון נפש, דריקן אויס און אַנטפּלעקן די צען כחות און די "שיינקייט" פון נפש.

די דריי "לבושים" זיינען: מחשבה (טראַכטן), דיבור (רעדן), און מעשה (טאָן).

מחשבה: דורך טראַכטן קען אַ מענטש אויסדריקן פאַר זיך אַליין די ענינים פון זיין שכל און מדות. מחשבה איז אַ "לבוש", אַ קלייד, וואָס איז די נאָענסטער צום מענטשן, און איז פאַראייניציקט מיט אים. פון איין זייט, אַנטפּלעקט מחשבה די אינערליכע ווילן פון דעם מענטש, אָבער פון צווייטן זייט, איז דאָס מערניט פאַר דעם מענטש אַליין. אַנדערע מענטשן אַרום אים ווייסן נישט וואָס ער טראַכט. מחשבה איז אויך אַ "לבוש" וואָס דער מענטש "טראָגט" שטענדיק; ווייל אַ מענטש טראַכט שטענדיק (אַנדערש ווי רעדן און טאָן וואָס איז נישט שטענדיק).

דבור: רעדן איז נאָך אַ "לבוש" וואָס אַ מענטש נוצט בעיקר זיך אויסצודריקן צו אַנדערע מענטשן. פאַר זיך אַליין דאַרף ער ניט רעדן, ווייל טראַכטן אַליין איז פאַר אים גענוג. ווען אַ מענטש וויל אַנטפּלעקן צו אַנדערע מענטשן וואָס ער טראַכט, דאַן רעדט ער אויס זיין מחשבה צו אַנדערע. אַנדערש ווי די לבוש פון מחשבה וואָס איז פאַראייניציקט מיט'ן מענטש, דער לבוש פון דבור איז באַזונדער פון דעם מענטש; דאָס וואָס ער רעדט אויס צו אַנדערע בלייבט שוין נישט ביי אים אַליין[13]. דיבור איז אויך אַנדערש פון מחשבה מיט דעם וואָס עס איז ניט שטענדיק; אַ מענטש טראַכט שטענדיק אָבער רעדט ניט שטענדיק.

מעשה: דורך "מעשה" (טאָן), דריקט זיך דער מענטש אויס אין גשמיות. דאָס וואָס איז געווען באַהאַלטן אין זיין מחשבה, און האָט זיך אַנטפּלעקט דורך זיין

13) ווייטער אין פרק כא איז דער אלטער רבי מסביר אז דאס איז מערניט ביי "דיבור" פון א מענטש. אבער ביים "דיבור" פון דעם אויבערשטן (מיט וועלכע דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט) ווערט דאס ניט באזונדער פונ'ם אויבערשטן, נאר עס בלייבט פאראייניציקט מיט אים.

דיבור, זאָגט זיך אויס יעצט דורך זיין "מעשה", מיט זיין טאָן בפועל. די לבוש פון "מעשה" ווירקט ניט נאָר אויף דער מענטש אַליין (ווי מחשבה) און אויף אַנדערע מענטשן (ווי דיבור), נאָר אויך אויף די גשמיות'דיקע וועלט אַרום אים. אַ מענטש קען טראַכטן וועגן בויען אַ שטוב, און רעדן וועגן בויען אַ שטוב, אָבער דוקא דורך "מעשה" ווערט די שטוב געבויט.

מחשבה, דיבור און מעשה ווערן באַצייכנט אַלס "לבושים" פון נפש, ווייל אין געוויסע וועגן ווערן זיי צוגעגליכן צו קליידער וואָס אַ מענטש טראָגט:

קליידער פון אַ מענטש זיינען ניט אַ טייל פון דעם מענטש אַליין. אַזוי ווי ער קען אָנטאָן די קליידער, קען ער זיי אויסטאָן און בייטן אויף אַנדערע קליידער. אַזוי אויך זיינען די "קליידער" פון נפש, מחשבה, דיבור און מעשה נישט קיין טייל פון דער מענטש אַליין. דעריבער איז גרינג פאַר אַ מענטש צו "אָנטאָן" איין לבוש — צו טראַכטן, רעדן אָדער טאָן איין זאַך, און גלייך "אויסטאָן" דעם לבוש און "אנטאָן" אַ נייעם לבוש. ער קען אויפהערן טראַכטן, רעדן אָדער טאָן איין זאַך און גלייך טראַכטן, רעדן אָדער טאָן אַ צווייטע זאַך.

* * *

די לבושים פון נפש איז אַנדערש פון די אינערליכע כחות פון נפש (זיין שכל און מדות), ווייל די דאָזיקע אינערליכע כחות זיינען אַ טייל פון מענטש אַליין און דעריבער זיינען זיי אַסאַך מער פאַרבונדן מיט אים; זיי זיינען ניט "קליידער" וועלכע אַ מענטש קען אָנטאָן און אויסטאָן גרינגערהייט. דעריבער איז עס אַסאַך שווערער פאַר אַ מענטש צו בייטן זיין מיינונג (שכל) וועגן אַ זאַך, אָדער זיין געפיל (מדות) פאַר אַ זאַך איידער ווי בייטן זיין טראַכטן, רעדן און טאָן אַ געוויסע זאַך. ווייל זיין שכל און מדות איז אַ טייל פון מענטש און פאַראייניציקט מיט אים.

לבושי נפש האלקית: אַזוי ווי די נפש פון אַ מענטש האָט דריי לבושים (מחשבה, דיבור און מעשה), אַזוי אויך האָט די נפש האלקית די דאָזיקע דריי לבושים, דורך וועלכע זי איז מקיים תורה און מצות. ווען די נפש האלקית טראַכט תורה, דעמולט טוט זי אָן די לבוש פון מחשבה; ווען זי רעדט אַ ענין אין תורה און מצות טוט זי אָן די לבוש פון דיבור, און ווען זי טוט אַ מצוה בפועל ווערט עס געטאָן דורך די לבוש פון מעשה.

דער אלטער רבי איז מסביר אין פרק ד אַז די לבושים פון דער נפש איז אַסאַך העכער אַפילו פון דער נפש אַליין. ווייל די נפש איז דאָך אַ נברא (אַ באַשעפעניש) וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, אָבער די לבושים פאַרבינדט דער מענטש מיט׳ן אויבערשטן אַליין. וויבאַלד אַז תורה און מצות זיינען פאַראייניציקט מיט׳ן אויבערשטן, ווען אַ מענטש לערנט תורה און איז מקיים מצות מיט די מחשבה, דיבור און מעשה פון נפש האלקית באַהעפט ער זיך מיט׳ן אויבערשטן אַליין.

## רמ"ח אברין דמלכא

וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט זיך ״אַריינגעלייגט״ אין זיינע מצות, ווערן די צוויי הונדערט אַכט און פערציג מצות־עשה (רמ״ח מצות עשה) אָנגערופן איז זוהר די צוויי הונדערט אַכט און פערציג ״אברים״ פון דער מלך, דער אויבערשטער, כביכול.

פונקט ווי ביי די אברים פון אַ מענטש, דינט יעדער אבר אַ באַזונדערע כח פון נפש (די אויג דינט דער כח הראי׳ צו קענען זען; דער אויער דינט די כח השמיעה פון נפש צו קענען הערן), אַזוי אויך איז יעדער מצוה (אבר) שייך צו אַ באַזונדערן טייל פון דעם אויבערשטן.

זיי ווערן אָנגערופן ״אברין דמלכא״, אברים (כביכול) פון דעם אויבערשטן, ווייל פונקט ווי אַלע אברים פון אַ מענטש זיינען שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין עצם, דער מענטש אַליין, אַזוי אויך זיינען די ״אברים״ פון דעם אויבערשטן (די מצות) פאַרבונדן מיט אים אַליין.

וואו זעט מען דאָ למטה אַז אברים זיינען פאַראייניקט מיט דער עצם פון אַ מענטש?

ווען איין מענטש וויל אַז אַ צווייטער מענטש זאָל רוקן זיין האַנט אָדער פוס דאַרף ער אָנזאָגן דעם צווייטן דאָס צו טאָן. וויבאַלד זיי זענען צוויי באַזונדערע מענטשן, מוז איינער אָנזאָגן און הייסן דער צווייטן וואָס צו טאָן, און אַפילו

דעמאָלט דאַרף דער צווייטער מענטש וועלן דאָס טאָן אַליין. אָבער ווען אַ מענטש וויל רוקן זיין אייגענע האַנט אָדער פוס דאַרף ער גאָרנישט אָנזאָגן; זיינע אברים פילן וואָס דער נפש וויל און טוען דאָס גלייך אָן אַן אָנזאָג. זעט מען אַז די אברים פון מענטש זיינען פאַראייניקט מיטן מענטש אַליין.

קומט אויס אַז דוקא דורך מקיים זיין תורה און מצות ווערט מען פאַראייניציקט מיט׳ן אויבערשטן. דעריבער, אַז אַ מענטש האָט בלויז ליבשאַפט צום אויבערשטן (אהבת ה׳), אָן מקיים זיין זיינע מצות פעלט אין זיין פאַרבונד מיט׳ן אויבערשטן. ווייל די ליבשאַפט צום אויבערשטן מוז ווירקן אויף אַ מענטש צו וועלן זיך באַהעפטען מיט דער פאַרליבטער זאַך, און צו באַהעפטען זיך מיט דעם אויבערשטן איז שייך נאָר דורך מקיים זיין זיינע מצוות. קומט אויס אַז אהבת ה׳ איז דער שורש פאַר קיום המצות, ווייל אַן אמת׳ע אהבה ברייגנגט אַ מענטש צו קיום המצות.

(ווייטער אין פרק כג איז דער אַלטער רבי מסביר די מעלה פון תורה אויף מצות: כאָטש אַ מענטש וואָס איז מקיים מצות איז פאַראייניציקט מיט׳ן אויבערשטן (ווי ״אברים״), פונדעסטוועגן דורך לערנען תורה ווערט דער מענטש פאַראייניציקט ניט בלויז ווי ״אברים״ צו דעם אויבערשטן, נאָר ער ווערט איין זאַך ממש מיט׳ן אויבערשטן.)

✦ ✦ ✦

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ìå 1/25/2010 12:30:41 AM

## זיו השכינה

זיו השכינה מיינט אַן אָפּשיין, אַ הארה פון דער שכינה.

די גמרא זאָגט אין ברכות (יז, א) אַז די נשמות פון צדיקים זיצן אין גן עדן און האָבן הנאה און פאַרגעניגן פון די "זיו השכינה", פון די גרויסע ג־טליכע אַנטפּלעקונג אין גן עדן. דאָס הייסט, כאָטש די נשמות אין גן עדן קענען פאַרשטיין סודות פון תורה און האָבן פאַרגעניגן פון ג־טליכקייט איז דאָס מערניט ווי אַ "זיו", אַן אָפּשיין און אַ הארה פון דען אויבערשטן. ווייל עס איז אוממעגליך אַפילו פאַר די גאָר גרויסע נשמות און מלאכים צו פאַרשטיין דעם אויבערשטן אַליין; זיי קענען פאַרשטיין און הנאה האָבן מערניט פון די "זיו השכינה", פון דעם אָפּשיין פון דער שכינה, אָבער ניט פון דער "שכינה" אַליין.

דער אַלטער רבי איז מסביר אין פּרק ד אַז ווי קען מען יאָ פאַרשטיין און באַנעמען דעם אויבערשטן אַליין? דאָס איז דוקא דאָ אויף דער וועלט! ווייל דער אויבערשטער האָט זיך אַליין אינגאַנצן אַריינגעלייגט אין תורה און מצות וואָס ער האָט אונז געגעבן אויף דער וועלט, און דורך דעם וואָס אַ איד לערנט תורה און איז מקיים מצות קען ער זיך אינגאַנצן פאַרבינדן און ממש באַנעמען דעם אויבערשטן אַליין. און דאָס איז ניט מעגליך פאַר נשמות און מלאכים אין גן עדן, ווייל דער אויבערשטער האָט געגעבן תורה און מצות נאָר צו אידן דאָ למטה, אין אונזער גשמיות׳דיקער וועלט.

דערמיט איז דער אַלטער רבי מסביר די משנה אין פּרקי אבות (פּרק ד משנה יז) "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא" – עס איז בעסער איין ווייַלע פון תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט, מער ווי דאָס גאַנצע לעבן פון די נשמה אין עולם הבא", ווייל דוקא דאָ אין דער וועלט קען אַ איד דערגרייכן די מעלה פון זיך פאַרבינדן מיט׳ן אויבערשטן אַליין, דורך תורה און מצות.

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ìç 1/25/2010 12:30:42 AM

# פרק ה

- לית מחשבה תפיסא בך כלל
- יחוד נפלא
- מזון הנשמה, לבושי הנשמה

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ïè 1/25/2010 12:30:42 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd î 1/25/2010 12:30:44 AM

## לית מחשבה תפיסא בך כלל

קיין מחשבה קען נישט "תופס" זיין, קען ניט פאַרשטיין, אָנכאַפּן און באַנעמען דעם אויבערשטן.

אין דעם מאמר "פתח אליהו" וואו אליהו הנביא זאָגט ווי אַ מענטש קען אינגאַנצן נישט פאַרשטיין דעם אויבערשטן, באַנוצט ער זיך מיטן לשון "תפיסא" – אַז קיין מחשבה פון אַ מענטש קען נישט "תופס" זיין, אָנכאַפּן און באַנעמען דעם אויבערשטן (און אויף דעם זאָגט דער אַלטער רבי פריער (אין פּרק ד) אז כאָטש אַ מענטש קען נישט פאַרשטיין און באַנעמען דעם אויבערשטן, פונדעסטוועגן קען אַ מענטש יאָ "תופס" זיין און באַנעמען דעם אויבערשטן ווען ער לערנט תורה, וויבאלד תורה איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן אַליין).

שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס נוצט ער דעם לשון "תפיסא" (אָנכאַפּן) וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו נוצן ווען מען רעדט וועגן אַ גשמיות'דיקע זאַך, וועלכע מען קען אָנהאַלטן און אָנכאַפּן מיט די הענט. ווען מען רעדט אָבער וועגן פאַרשטיין אַ זאַך פון שכל, וואָלט מער געפּאַסט צו נוצן דעם לשון "פאַרשטיין"; אַז דער שכל פון אַ מענטש קען נישט "פאַרשטיין" דעם אויבערשטן. פאַרוואָס ווערט גענוצט דער לשון "תפיסא", צו אָנכאַפּן?

אין אָנהויב פּרק ה איז דער אַלטער רבי מסביר דעם לשון פון אליהו "תפיסא", אַז קיין מחשבה קען נישט "תופס" זיין דעם אויבערשטן. און דורך פאַרשטיין דעם לשון, וועט מען אויך קענען פאַרשטיין ווי אַזוי דורך לערנען תורה קען אַ מענטש יאָ "תופס" זיין און באַנעמען דעם אויבערשטן:

ווען אַ מענטש לערנט תורה און פאַרשטייט גוט וואָס ער לערנט און זיין שכל נעמט אָן די זאַך אינגאַנצן, דאַן גייט די שכל'לדיקע זאַך אַריין צו זיין שכל און עס ווערט אינגאַנצן פאַראייניציקט מיט אים, וויבאַלד עס ווערט אַ טייל פון זיין שכל, זיין מיינונג.

צוליב דעם ווערט גענוצט דער לשון "תפיסא" (אָנכאַפּן) ווייל ווען אַ מענטש לערנט תורה ווערט די תורה אינגאַנצן "אָנגעכאַפּט" דורך זיין שכל און עס ווערט אינגאַנצן אַ טייל פון זיין שכל אַזוי ווי ער האַלט דאָס אָן; ווי ער וואָלט גענומען

עפּעס אין זיין האַנט, און ער האַלט די זאַך אינגאַנצן מיט זיינע הענט און עס ווערט זיינער. אַזוי אויך ווען אַ איד לערנט תורה ווערט די תורה אינגאַנצן אָנגעטאָן, פאַראייניציקט און אַ טייל פון זיין שכל.

און דאָס איז וואָס אליהו זאָגט, אַז אַ מענטש פון זיך אליין קען אינגאַנצן נישט פאַרשטיין און "תופס" זיין דעם אויבערשטן. אָבער ווען ער לערנט תורה, האָט אים דער אויבערשטער יאָ געגעבן די מעגלעכקייט צו "תופס" זיין, ווייל דער אויבערשטער האָט זיך אַריינגעלייגט אין תורה.

* * *

## יחוד נפלא

דער אויבערשטער האָט געגעבן אַ מענטש די מעגלעכקייט דורך דעם כח פון זיין שכל אַז ער זאָל קענען באַנעמען און זיך פאַראייניציקן מיט די שכל׳דיקע זאַך וועלכע ער פאַרשטייט.

ביי גשמיות׳דיקע זאַכן קען צוויי זאַכן נישט ווערן אינגאַנצן פאַראייניציקט. אַפילו ווען מען מישט צוויי זאַכן צוזאַמען בלייבן ביידע זאַכן ווי פריער, זיי ווערן מערניט צומישט איינער מיט׳ן צווייטן, זיי ווערן אָבער נישט איין זאַך. אָבער ביי שכל, ווען אַ מענטש לערנט און פאַרשטייט אַ זאַך גוט ווערט די דבר־שכל זיינער אַ זאַך; עס ווערט אַ טייל פון זיין שכל. ווען ער פאַרשטייט דעם שכל זייער גוט ווערט זיין שכל גרעסער און עס וואַקסט צוליב די נייע דבר־שכל וואָס ער האָט פאַרשטאַנען.

וויבאַלד אז דער אויבערשטער האָט זיך "אַריינגעלייגט" אין זיין תורה, און "אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד" – תורה און דער אויבערטשער איז אינגאַנצן איינס, דעריבער ווען אַ מענטש לערנט תורה און פאַרשטייט עס גוט מיט זיין שכל, דאַן ווערט ער אינגאַנצן פאַראייניציקט מיט דעם אויבערשטן אליין.

דער אַלטער רבי זאָגט אַז דאָס איז די גרויסע מעלה פון לערנען תורה וואָס מען קען נישט דערגרייכן דורך מקיים זיין אַ מצוה. ווייל אַ מצוה נעמט אַרום דעם מענטש

אָבער ער ווערט נישט פאַראייניציקט מיט איר. אָבער דורך לערנען תורה (וואָס איז איינס מיטן אויבערשטן), ווערט דער שכל פון אַ מענטש אינגאַנצן פאַראייניציקט מיטן אויבערשטן מיט אַ "יחוד נפלא" — אַ וואונדערלעכע פאַראייניציקונג, וואָס מען קען נישט געפינען אַזאַ סאָרט פאַראייניציקונג אין גשמיות.

(דער רבי זאָגט (לקוטי שיחות חלק לה ע׳ 203) אַז דער אַלטער רבי רעדט וועגן אַ מענטש וועלכער לערנט תורה מיט גרויס "עיון" און פאַרשטייט דאָס וואָס ער לערנט זייער גוט, דעמולט ווערט ער פאַראייניציקט מיטן אויבערשטן מיט אַ "יחוד נפלא", אָבער נישט ווען ער זאָגט ווערטער פון תורה אָדער תהלים אָן אַ טיפער פארשטאנד).

✶ ✶ ✶

## מזון הנשמה, לבושי הנשמה

אַזוי ווי אין דער וועלט דאַרף דער גוף פון אַ מענטש האָבן לבושים (קליידער) און מזון (עסן), אַזוי אויך דאַרף דער נשמה האָבן רוחניות׳דיקע לבושים (קליידער) און רוחניות׳דיקע מזון (עסן) אין גן עדן. ווי קען אַ מענטש באַשאַפן קליידער און עסן פאַר זיין נשמה אין גן עדן? דורך דעם וואָס ער טוט מצות אין דער וועלט ווערן באַשאַפן די רוחניות׳דיקע לבושים (קליידער) פאַר זיין נשמה, און דורך לערנען תורה ווערט באַשאַפן די רוחניות׳דיקע מזון (עסן) פאַר די נשמה.

ווען די נשמה איז אין דעם גוף, קען זי ניט פילן די ג־טליכע ליכטיקייט וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך לערנען תורה און מקיים זיין מצות. ווייל די גשמיות פון דעם גוף אויף דער וועלט קען פאַרדעקן און באַהאַלטן די רוחניות און ג־טליכע ליכטיקייט. אָבער ווען די נשמה גייט אַרויף למעלה אין גן עדן, דעמולט ווערט אַנטפלעקט ווי די תורה און מצות אויף דער וועלט האָט אויפגעטאָן די גאָר גרויסע ג־טליכע ליכטיקייט.

דער אונטערשייד צווישן מזון און לבושים איז:

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd îâ 1/25/2010 12:30:45 AM

מזון: אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף עסן כדי צו קענען לעבן, און די עסן מוז אַריינגיין אין זיין גוף ביז עס ווערט איבערגעקערט און ווערט בלוט. אַזוי אויך פּאַסירט מיט די רוחניות׳דיקע עסן – די תורה וואָס אַ מענטש לערנט. די תורה גייט אַריין אין דעם מענטש דורך זיין שכל און ווערט אַ טייל פון זיין נפש און פאַראייניציקט מיט אים. דורך דעם באַקומט דער נפש איר חיות וואָס זי דאַרף פון דעם אויבערשטן. דאָס איז דער פּשט פון דער פסוק (תהלים מ, ט): ״ותורתך בתוך מעי״ – ״דיין תורה איז אין מיר״ אַזוי ווי עסן וואָס גייט אַריין אין אַ מענטש.

לבוש: אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף האָבן קליידער כדי צו אים היטן און באַשיצן, אַזוי אויך ווען די נשמה איז אין גן עדן דאַרף זי האָבן ״קליידער״ אויף צו קענען אָננעמען די גרויסע געטליכע ליכטיקייט וואָס שיינט אין גן עדן. פון יעדער מצוה וואָס אַ מענטש איז מקיים אויף דער וועלט ווערט באַשאַפן אַ לבוש פאַר זיין נשמה וועלכע נעמט אַרום די נשמה אַזוי ווי אַ לבוש נעמט אַרום דעם גוף פון אַ מענטש.

אין פּרק ה ברענגט דער אַלטער רבי וואָס עס שטייט אין זהר, אַז די תורה וואָס אַ מענטש לערנט ווערט ״מזון״ (שפּייז) פאַר דער נשמה אין גן עדן דוקא אויב די תורה וואָס ער לערנט איז ״לשמה״. דער אַלטער רבי איז מסביר אַז לערנען תורה ״לשמה״ מיינט אַז ער לערנט כדי זיך צו פאַרבינדן מיט דעם אויבערשטן. וויסנדיק אַז דער אויבערשטער האָט זיך אַריינגעלייגט אין תורה און תורה איז איין זאַך מיטן אויבערשטן אַליין, וויל דער מענטש לערנען און פאַרשטיין תורה כדי צו זיין פאַרבונדן נאָך מער און נאָך שטאַרקער מיטן אויבערשטן.

⁂

# פרק ו

- זה לעומת זה עשה אלוקים
- עשר כתרין דמסאבותא
- סטרא אחרא
- שלש קליפות הטמאות

Tanya_MInitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd 1/25/2010 12:30:46 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd îå 1/25/2010 12:30:48 AM

## זה לעומת זה עשה אלוקים

צו יעדער זאַך פון קדושה, הייליקייט, האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ "לעומת זה" – אַ קעגנזאַץ אין קליפה און טומאה.

אַזוי ווי די דער נפש האלקית האָט צען הייליקע כוחות (אַנטקעגן די צען ספירות) וואָס זיינען צוטיילט אויף צוויי טיילן (שכל און מידות) און זי טוט זיך אָן אין דריי הייליקע "לבושים": מחשבה, דיבור און מעשה פון תורה און מצות, אַזוי אויך זיינען פאַראַן אין טומאה צען כחות (זיבן מידות און דריי כחות פון שכל: חכמה, בינה און דעת וואָס פון זיי נעמען זיך די מדות).

ביי די נפש האלקית ווערן די צען כחות גענוצט פאַר קדושה און תורה און מצות. בשעת אַ איד טראַכט זיך אַריין אין די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן (מיט זיינע שכל כחות) ערוועקט דאָס געפילן פון ליבשאַפט און מורא פאַר דעם אויבערשטן (אין זיינע מידות). אַזוי אויך געפינען מיר אין "לעומת זה" – די צען כחות ווערן גענוצט פאַר זאַכן וואָס זיינען נישט הייליק און נישט פאַרבונדן מיט תורה און מצות. בשעת אַ איד טראַכט זיך אַריין אין די זאַכן (מיט זיינע שכל כחות) ערוועקט דאָס געפילן אין אים (אין זיינע מידות) צו די ניט־גוטע זאכן.

שטעלט זיך די שאלה: אויב אַלץ ווערט באַשאַפן און באַקומט לעבן פון דעם אויבערשטן, ווי קען באַשאַפן ווערן טומאה און קליפות? ווי קען זיין אַז צו יעדער זאַך פון קדושה איז פאַראַן אַ "לעומת זה" אין קליפה און טומאה?

איז דער ענטפער אויף דעם: דער אויבערשטער וויל אַז יעדער מענטש זאָל האָבן פרייע אויסוואַל (בחירה חפשית), צו קענען אויסקלייבן ווי ער זאָל זיך פירן, צו זיין גוט אָדער ניט־גוט און ער זאָל באַקומען שכר פאַר זיין גוטע אויפפירונג. דעריבער האָט דער אויבערשטער באַשאַפן כחות פון טומאה וואָס זאָל דינען אַלס דער "לעומת זה" פון קדושה, כדי צו פאַרשטעלן און באַהאַלטן די כח פון ה׳ וואָס איז אין יעדער זאַך. דורך דעם קען אַ מענטש אויסקלייבן אַליין, דורך זיין עבודה, ווי ער זאָל זיך פירן. אויב עס וואָלט געווען אויף דער וועלט נאָר קדושה און תורה און מצות וואָלט דאָך דער מענטש נישט געדאַרפט אויסקלייבן די ריכטיקע וועג. ער וואָלט נישט געדאַרפט אָנקומען צו "עבודה", אַרבעטן אויף זיך צו טאָן וואָס דער אויבערשטער וויל און נישט פאַרקערט. יעצט אַז דער אויבערשטער האָט

באַשאַפן סיי קדושה און זיי קליפּה און טומאה, ווען אַ מענטש קלייבט אויס די גוטע וועג און פירט זיך ווי מ׳דאַרף, באַקומט ער שכר פון דעם אויבערשטן פאַר זיין גוטע אויפפירונג און פאַר אויסקלייבן די ריכטיקע וועג אַנשטאָט די נישט־ריכטיקע וועג.

✶ ✶ ✶

## עשר כתרין דמסאבותא

די צען כחות פון טומאה ווערט אָנגערופן אין קבלה ״די צען קרוינען פון טומאה״ (כתרין פון לשון כתר, אַ קרוין).

די צען כחות פון טומאה ווערן צעטיילט אויף צוויי סוגים (אַזוי ווי די צען הייליקע כחות) פון שכל און מדות. די מדות זיינען זיבן נישט־גוטע מדות, צום ביישפיל: די מידה פון חסד אין טומאה זאָגט זיך אַרויס אין דעם וואָס אַ מענטש האָט ליב זאַכן וואָס זיינען אסור. די מידה פון גבורה אין טומאה זאָגט זיך אַרויס ווען אַ מענטש ווערט אין כעס.

איינע פון די גרויסע אונטערשיידן צווישן די הייליקע שכל און מדות און די שכל און מדות פון טומאה איז: אין קדושה ווערט די נפש האלקית געפירט לויט דעם שכל. די מדות נעמען זיך אינגאַנצן פון זיין שכל. למשל, אַ מענטש טראַכט זיך אַריין אין זיין שכל וועגן די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן און דאָס ערוועקט ביי זיינע מדות אַ גרויסע ליבשאַפט צום אויבערשטן, אָדער ״יראה״ פאַר דעם אויבערשטן. אין טומאה, ביי די נפש הבהמית, איז דער עיקר אירע מדות. די מדות זיינען נאַטירלעך און נעמען זיך נישט פון שכל, זיי האָבן אַ נאַטירליכע ליבשאַפט צו גשמיות׳דיקע תענוגים, און עס פאָדערט זיך נישט אַריינצוטראַכטן אין די גוטסקייט פון די גשמיות׳דיקע זאַכן כדי צו זיי וועלן האָבן, די נאַטור פון די נפש הבהמית ציט זיך צו זיי אַפילו אָן איר שכל (דער שכל העלפט מערניט כדי עס צו קענען מער אַנטפלעקן).

דער אַלטער רבי איז מסביר אין פרק ו׳ אַז ווען אַ מענטש טראַכט (מחשבה),

רעדט (דיבור) אָדער טוט (מעשה) עפּעס וואָס איז פאַרבונדן און נעמט זיך פון די צען כחות פון טומאה, ווערן די מחשבות, דיבורים און מעשים טמא׳דיקע לבושים צו די צען טמא׳דיקע כחות.

(דער רבי מוהרש״ב שרייבט (אין זיינע הגהות אויף תניא) אַז צוליב דעם אונטערשייד צווישן די הייליקע צען כחות און די טמא׳דיקע צען כחות קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער אַלטער רבי אין פרק ו׳, ווען ער רעדט וועגן די צען כחות פון טומאה, שרייבט ער פריער וועגן די מדות און ערשט דערנאָך וועגן די שכל כחות. אָבער אין פרק ג׳, וואו דער אַלטער רבי רעדט וועגן די צען כחות פון קדושה, שרייבט ער פריער וועגן דעם שכל און דערנאָך וועגן די מדות – ווייל אין קדושה נעמען זיך די מדות פון שכל און די מדות פון אַ מענטש וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט תורה און מצות זיינען אַלץ לויט זיין שכל. און ביי קליפּה און טומאה נעמען זיך די מדות נישט פון שכל.)

⁂

## סטרא אחרא

סטרא אויף אַראַמיש מיינט אַ זייט. און אחרא – אַן אנדערע.

דער אַלטער רבי זאָגט אין פרק ו׳ אַז ״סטרא אחרא״ מיינט די אַנדערע זייט פון הייליקייט. יעדער זאַך וואָס נעמט זיך נישט פון די זייט פון קדושה איז ״סטרא אחרא״. נישט נאָר עבירות, נאָר אַלע מחשבות וואָס אַ מענטש טראַכט, אַלע דיבורים וואָס אַ מענטש רעדט און אַלע מעשים וואָס אַ מענטש טוט וועלכע זיינען ניט צוליב דעם אויבערשטן, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן מיט תורה, מצות און עבודת ה׳ (אַפילו אויב זיי זיינען ניט קיין עבירות) זיינען ״סטרא אחרא״.

דער אַלטער רבי איז מסביר אַז ״צד הקדושה״ מיינט אַ זאַך וואָס איז ״בטל״ צום אויבערשטן. דאָס מיינט יעדער זאַך וואָס אַ מענטש טוט, אויב די כוונה אין טאָן די זאַך איז לשם שמים, מיינט דאָס אַז די זאַך האָט ניט קיין באַזונדערע כוונה פאַר זיך אַליין, נאָר זי איז אַ טייל פון זיין עבודת ה׳ און דעריבער איז די זאַך ״בטל״ צום

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd íè 1/25/2010 12:30:49 AM

אויבערשטן. דאָס הייסט, עסן, שלאָפן, געלט זאַכן וואָס ווערן געטאָן ווי אַ איד דאַרף זיי טאָן לשם שמים, זיינען זיי "בטל" צום אויבערשטן און אַ טייל פון "צד הקדושה". אָבער אויב אַ מענטש טוט די זאַכן אָן קיין שום כוונה לשם שמים (ער עסט מערניט ווייל ער האָט ליב עסן), דעמאָלט זיינען זיי פאַרבונדן מיט "סטרא אחרא".

* * *

## שלש קליפות הטמאות

ווי ערקלערט אין פרק א׳, צוזאַמען מיט קדושה האָט דער אויבערשטער באַשאַפן קליפות. אָבער קליפות איז מערניט ווי אַ שאָלאַכץ.

אַזוי ווי די שאָלעכץ פון אַ פרוכט פאַרדעקט און פאַרשטעלט אויף דער אינערליכע טייל פון פרוכט; אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן כחות וואָס זאָלן פאַרשטעלן אויף דער אינערלעכער ג־טלעכער חיות וואָס איז דאָ אין יעדער זאַך פון וועלט.

אין קליפות אַליין זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן: "שלש קליפות הטמאות" און "קליפת נוגה".

"שלש קליפות הטמאות" זיינען די דריי קליפות וועלכע האָט ניט קיין גוטס און זיינען אינגאַנצן טמא און שלעכט. פון זיי נעמען זיך און קומען אַראָפּ די נפשות פון אַלע גויים און די נפשות פון אַלע טמא׳דיקע חיות און אַלע סאָרט עסן וואָס וואַקסן וועלכע זיינען ניט כשר. פון די דריי טמא׳דיקע קליפות נעמען זיך אויך די ניט־גוטע זאַכן פון אַ מענטש; די אַלע מחשבות, דיבורים און מעשים וואָס זיינען אסור צו טראַכטן, רעדן אָדער טאָן נעמען זיך פון זיי.

די זאַכן וואָס נעמען זיך פון די דריי טמא׳דיקע קליפות זיינען אינגאַנצן טמא. פון זיי קען קיינמאָל ניט ווערן גוטס. אַנדערש איז די צווייטע סאָרט קליפה, "קליפת נוגה", וועלכע האָט אין זיך אויך גוטס און פון זיי קען יאָ אַרויסקומען גוטע זאַכן (ווי ערקלערט אין קומענדיקן פרק).

* * *

# פרק ז

- קליפת נוגה
- רשימו
- תשובה מאהבה
- זדונות נעשו לו כזכיות

Tanya_MInitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd ðà 1/25/2010 12:30:50 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ðá 1/25/2010 12:30:51 AM

## קליפת נוגה

"קליפת נוגה" איז אַן אַנדער סאָרט קליפה, אַנדערש ווי די "שלש קליפות הטמאות", ווייל זי איז נישט אינגאַנצן שלעכטס; זי האָט אין זיך געמישט אויך גוטס. דעריבער ווערט זי אָנגערופן "נוגה", וואָס מיינט שיינט, ווייל עס שיינט אין איר די ליכט פון קדושה.

"קליפת נוגה" איז די פערטע קליפה, נאָך די דריי טמא׳דיקע קליפות (די "שלש קליפות הטמאות") און אין די העכערע, רוחניות׳דיקע וועלטן איז זי מערסטנס גוט, און האָט מערניט ווי אַביסל רע. אין די נידעריקע וועלטן פאַרמאָגט זי מער שלעכטס, און אין נאָך נידעריקע וועלטן – העלפט גוטס און העלפט שלעכטס. וואָס נידעריקער די וועלט איז, פאַרמאָגט "קליפת נוגה" מער שלעכטס. אין די נידעריקסטער וועלט, איז "קליפת נוגה" כמעט אינגאנצן שלעכטס און בלויז אַ קליינער טייל פון איר איז גוט, וואָס איז אויסגעמישט צוזאַמען מיט די שלעכטס.

**אין עולם האצילות** קליפת נוגה איז אינגאַנצן גוט

**אין עולם הבריאה** קליפת נוגה איז מערסטנס גוט, אָבער האָט אַביסל רע

**אין עולם היצירה** קליפת נוגה איז העלפט גוטס און העלפט שלעכטס

**אין עולם העשיה** קליפת נוגה איז מערסטנס שלעכטס, אָבער האָט אַביסל גוטס

די נפש הבהמית פון אַ איד נעמט זיך פון "קליפת נוגה", און פון די טוב וואָס איז דאָ אין "קליפת נוגה" נעמט זיך די גוטע נאַטירלעכע מדות וואָס יעדער איד האָט, ווי רחמנות און גמילות חסדים[14]. פון "קליפת נוגה" נעמט זיך אויך אַלע זאַכן וואָס זיינען מותר צו עסן און אַלע מחשבות, דיבורים און מעשים פון אַ מענטש וואָס זיינען נישט פאַרבונדן מיט תורה און מצות, אָבער וועלכע זיינען אויך נישט אסור.

* * *

14) ווי דער אלטער רבי זאגט אין סוף פון פרק א.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ðâ 1/25/2010 12:30:51 AM

דער אַלטער רבי ערקלערט אין פּרק ז אַז "קליפּת נוגה" איז אַ "ממוצע", אַ מיטלסטע דרגא, צווישן די דריי קליפּות וואָס זיינען אינגאַנצן טמא ("שלש קליפּות הטמאות") און קדושה. אַמאָל איז "קליפּת נוגה" אַריינגענומען און דערהויבן צו קדושה, און אַמאָל ווערט זי אַריינגענומען און דערניטערט צו טומאה. דאָס איז אַלץ אָפּהענגיק אין דער מענטש.

ווי אַזוי קען אַ מענטש דערהויבן "קליפּת נוגה" צו קדושה אָדער פאַרקערט?

זאָגט דער אַלטער רבי: ווען אַ מענטש עסט אָדער טרינקט, קען ער מיט זיין עסן און טרינקען דערהויבן די חיות פון די עסן צו קדושה, אָדער ער קען עס חס ושלום אַראָפּשלעפּן צו טומאה. אויב ער עסט און טרינקט כדי צו קענען דאַוונען, לערנען און דינען דעם אויבערשטן (ווי עסן לכבוד שבת), דעמאָלט ווערט די עסן (וואָס באַקומט איר חיות פון "קליפּת נוגה") דערהויבן צום אויבערשטן אַזוי ווי אַ קרבן. אָבער אויב ער עסט און טרינקט מערניט כדי צו דערפילן זיין תאוה, ווייל ער האָט ליב די גוטע פלייש אָדער געשמאַקע וויין, דעמאָלט ווערט די עסן אַראָפּגענידערט און אַריינגענומען אין טומאה (אין די "שלש קליפּות הטמאות")[15].

די איינציקע וועג דער מענטש קען אַרויסנעמען די חיות פון די "שלש קליפּות הטמאות" איז ווען ער קערט זיך אום צו דינען דעם אויבערשטן, וואָס דאַן נוצט ער די כח פון דעם עסן און טרינקען. וויבאַלד אַז די כח פון די עסן און טרינקען ווערן יעצט גענוצט פאַר דאַוונען, לערנען און דינען דעם אויבערשטן, דעריבער קען ער זיי אַרויסשלעפּן פון טומאה צוריק צו קדושה. (אָבער דאָס איז נאָר ווען די עסן וואָס ער האָט געגעסן (צוליב זיין תאוה) איז געווען מותר צו עסן. אויב די עסן איז געווען אסור, דעמאָלט קען ער ניט אַרויסנעמען זייער חיות פון טומאה. דאָס איז דער פשט פון דער וואָרט "אסור" — ווייל די סאָרט זאַכן זיינען "געבונדן" (אסור) אין טומאה און עס קען ניט דערהויבן ווערן צו קדושה.)

* * *

15) ווען א מענטש עסט סתם אן כוונה לשם שמים אבער אויך נישט צוליב זיין תאוה, דעמאלט ווערט עס נישט אריינגענומען אין קדושה אדער טומאה, נאר עס בלייבט ווי עס איז געווען — קליפת נוגה.

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ðã 1/25/2010 12:30:52 AM

## רשימו

"רשימו" מיינט אַ צייכן.

ווען אַ מענטש האָט געגעסן עפּעס וואָס איז כשר און מותר אָבער עס האָט געפעלט די כוונה לשם שמים (כדי צו קענען דאַווענען, לערנען און דינען דעם אויבערשטן), נאָר ער האָט געגעסן מערניט כדי צו דערפילן זיין תאוה, ווערן די חיות פון די עסן אַריינגענומען אין טומאה. אָבער, דער מענטש קען נאָך אַלץ צוריקקערן און דערהויבן די חיות צו קדושה ווען ער טוט תשובה. וויבאַלד אַז די עסן ווערט אַ טייל פון זיין גוף, איז שפּעטער ווען זיין גוף קערט זיך אום און דינט ה׳ ווערן אויך דערהויבן די חיות פון די עסן. אָבער וויבאַלד אַז די עסן איז לכתחילה געגעסן געוואָרן צוליב זיין תאוה פאַר עסן, בלייבט נאָך איבער אַ "רשימו" – אַ ניט־גוטער צייכן דערפון אויף זיין גוף.

די "רשימו", דער צייכן, בלייבט אויף זיין גוף במשך זיין גאַנצן לעבן ביז ער גייט אַוועק פון דער וועלט נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. צו אַראָפּנעמען דעם צייכן פון דער גוף דאַרף דער גוף אַדורכגיין דעם עונש וואָס איז אָנגערופן "חיבוט הקבר", אַ שטראָף וואָס רייניקט דעם גוף[16].

⁂

16) זע ווייטער פרק ח פאר די ערקלערונג פון "חיבוט הקבר".

## תשובה מאהבה (רבה)

"תשובה מאהבה רבה" איז גאָר אַ גרויסע דרגא פון תשובה וואָס קומט "מאהבה" – פון גרויס ליבשאַפט צו דעם אויבערשטן פון די טיפעניש פון דער האַרץ, ווען דער מענטש וויל זיך זייער צוקלעפן און באַהעפטן צו דעם אויבערשטן.

די סאָרט תשובה איז העכער אַפילו פון דער עבודה פון צדיקים. ווייל די תשובה קומט פון דעם וואָס דער מענטש איז זייער דורשטיק צו ג־טליכקייט און וויל זיך זייער פאַראייניקן מיטן אויבערשטן. אַנדערש ווי אַ צדיק וואָס פילט זיך שטענדיק נאָענט צום אויבערשטן און דעריבער פילט ער זיך נישט אַזוי דורשטיק צו ג־טליכקייט. צום ביישפּיל, ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ מדבר און האָט נישט קיין וואַסער, דעמאָלט האָט ער גאָר אַ גרויסע דורשט פאַר וואַסער. אָבער ווען ער געפינט זיך אין אַ פּלאַץ וואו עס איז פאַראַן וואַסער, פילט ער ניט אַזאַ שטאַרקע דורשט.

דער אַלטער רבי זאָגט אַז לויט דעם קען מען פאַרשטיין דאָס וואָס די גמרא זאָגט אַז "במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד" – אין דעם אָרט (אין דער מדריגה) וואו בעלי תשובה שטייען, קענען אַפילו גרויסע צדיקים ניט שטיין. ווייל ביי צדיקים איז ניט פאַראַן די שטאַרקע דורשט צו ה' מיט אַזאַ שטאַרקן כח ווי ביי בעלי תשובה, וואָס זיינען פריער געווען ווייט פון ה' (אַזוי ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַ מדבר אָן וואַסער).

דער כח פון די סאָרט "תשובה מאהבה" איז אַזוי שטאַרק אַז זי קען אַפילו דערהויבן די חיות פון טמא'דיקע זאַכן וואָס אַ מענטש האָט געגעסן, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די "שלש קליפות הטמאות". די איינציקע וועג אַ מענטש קען אַרויסשלעפן די חיות פון די עבירות איז ווען ער טוט "תשובה מאהבה רבה".

* * *

## זדונות נעשו לו כזכיות

די גמרא זאָגט (אין ראש השנה כט, א) אַז דורך תשובה קען אַ מענטש אויפטאָן אַז זיינע עבירות זאָלן אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן. ווען אַ מענטש טוט גאָר אַ געהויבענע תשובה, וואָס ווערט אָנגערופן תשובה פון אהבה רבה (תשובה וואָס קומט פון גרויס ליבשאַפט צום אויבערשטן, פון דעם טיפעניש פון זיין האַרץ), דעמאָלט קען ער אַפילו איבערבייטן די עבירה צו ווערן גערעכנט ווי אַ מצוה. אַפילו אַן עבירה וואָס איז געטאָן געוואָרן "במזיד", קען פאַרעכנט ווערן ווי אַ מצוה. דאָס איז פשט "זדונות" – עבירות וואָס זיינען געטאָן געוואָרן במזיד, "נעשו לו " – ווערן געמאַכט פאַר אים, "כזכיות" – ווי מצות.

שטעלט זיך די שאלה: ווי קען די עבירה, ובפרט אַן עבירה וואָס אַ מענטש האָט געטאָן במזיד, ווערן גערעכנט ווי אַ מצוה?

ערקלערט דער אַלטער רבי אין פרק ז: די עבירה וואָס אַ מענטש האָט געטאָן ווירקט אויף אים צו פילן שלעכט אַז ער האָט זיך אַזוי דערווייטערט פון ה'. דער געפיל פון נידעריקייט פון זיין ווייט און אָפּגעריסן פון ה' ברענגט דער מענטש צו טראַכטן און פילן שלעכט וועגן זיך און שטופּט אים זיך אומצוקערן צו ה'. קומט אויס אַז די עבירה פועל'ט אויף אים צו טאָן תשובה און ווירקט אויף אים צו האָבן אַ נייע שטאַרקע ליבשאַפט צום אויבערשטן. עס ערוועקט אין אים אַ שטאַרקע ווילן און דורשט אומצוקערן זיך און אַהיים קומען צו ה', וואו די נשמה וויל גיין. די עבירה וואָס ער האָט געטאָן האָט אים צועפירט און צוגעבראַכט זיך אומצוקערן און טאָן תשובה. דעריבער, קען די עבירה גערעכנט ווערן ווי אַ מצוה. אַזוי ווי אַ מצוה ברענגט אַ מענטש צו האָבן אַ ליבשאפט צום אויבערשטן און זיך פאַראייניציקן מיט ה', אַזוי אויך ווען אַ מענטש טוט תשובה פון "אהבה רבה", פירט די עבירה צו תשובה און אהבת ה'. דאָס איז נאָר ווען אַ מענטש טוט גאָר אַ געהויבענע תשובה ("תשובה מאהבה") און דוקא ווען עס קומט פון די טיפעניש פון זיין האַרץ.

✱ ✱ ✱

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ðæ 1/25/2010 12:30:52 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd δç 1/25/2010 12:30:53 AM

# פרק ח

- שד משדין נוכראין
- שד משדין יהודאין
- חיבוט הקבר
- כף הקלע
- גיהנם (גיהנם של אש, גיהנם של שלג)

Tanya_MInitz_1.26_FINAL_NEW.indd 59 1/25/2010 12:30:53 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ñ 1/25/2010 12:30:56 AM

## שד משדין נוכראין

עס שטייט אין זוהר אַז "שד משדין נוכראין" מיינט אַ "שד פון ניט אידן", וואָס דאָס גייט אויף דעם יצר הרע פון אַנדערע פעלקער, וואָס זייערע נפשות נעמען זיך פון די דריי טמא'דיקע קליפּות (די שלש קליפּות הטמאות). וויבאַלד זיי נעמען זיך פון טמא'דיקע קליפּות וואָס קענען נישט האָבן קיין תיקון און עס איז ניט מעגלעך צו זיי איבערקערן צו קדושה, דעריבערווירקן זיי אויף אַ מענטש צו האָבן תאוות צו זאַכן וואָס נעמען זיך פון די טמא'דיקע קליפּות, זאַכן וואָס זיינען אינגאַנצן אסור לויט דער תורה און קענען נישט דערהויבן ווערן צו קדושה.

צוליב דעם ווערן זיי אָנגערופן "שד משדין נוכראין" – ווייל זיי זיינען פרעמד (נוכראין) צו אַ איד. ווייל ביי אַ איד, אַפילו זיין נפש הבהמית נעמט זיך נישט פון טמא'דיקע קליפּות, נאָר פון "קליפּת נוגה", וואָס האָט אין זיך אויך גוטס. די נפש הבהמית פון אַ איד ווירקט אויף אים ער זאָל וועלן האָבן אַ געשמאַק אין וועלט – צו עסן, טרינקען און שלאָפן ניט לשם שמים, אָבער נישט צו טאָן זאַכן וואָס זיינען אסור.

שטעלט זיך די שאלה: ווי קומט עס צו איד אַז ער זאָל האָבן אַ שייכות מיט "שד משדין נוכראין", מיט דעם יצר הרע פון אַ גוי? ווי קומט עס אַז אַ איד זאָל קענען האָבן אַ תאוה צו טאָן אַ זאַך וואָס איז אסור?

דער ביאור אין דעם: ווען אַ איד פאָלגט זיין יצר הרע און האָט פאַרגעניגן פון תאוות וואָס זיינען מותר לויט'ן שולחן ערוך, און טוט זיי ניט לשם שמים, דעמאָלט דערנידערט ער די זאַך און זיך צו די טמא'דיקע קליפּות (שלש קליפּות הטמאות) און זיין יצר הרע האָט יעצט אַ שייכות צו די דריי טמא'דיקע קליפּות (כאָטש דער יצר הרע און די נפש הבהמית פון אַ איד האָט ניט קיין שייכות צו זיי פון זיך אַליין). וויבאַלד ער האָט שוין אַ שייכות מיט טמא'דיקע קליפּות און "שד משדין נוכראין", ווירקט דאָס אויף אים צו וועלן טאָן זאַכן וואָס נעמען זין פון דער "שד משדין נוכראין", זאַכן וואָס זיינען אסור לויט דער תורה.

דאָס איז דער פּשט אין די ווערטער פון חז"ל: "כך אומנתו של יצר הרע" – אַזוי אַרבעט דער יצר הרע פון אַ איד; "היום אומר לו עשה כך" – היינט זאָגט ער דעם מענטש צו טאָן אַ זאַך וואָס איז מותר, נאָר ער זאָל דאָס טאָן ניט לשם שמים.

ער דערניטערט אים צו "שלש קליפות הטמאות" און דעמאָלט האָט ער אַ שייכות מיט "שד משדין נוכראין" ; "ולמחר אומר לו עשה כך" – דערנאָך אויף מאָרגן רעדט אים דער יצר הרע איין צו טאָן זאַכן וואָס זיינען אסור ח"ו; "עד שאומר לו עבוד עבודה זרה" – ביז ער קען אים איינריידן ח"ו צו גיין דינען עבודה זרה. דאָס הייסט, ער רעדט איין און ווירקט אַפילו אויף דעם יצר הרע פון אַ איד, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט זאַכן וואָס זיינען אסור, צו ווען טאָן זאַכן וואָס זיינען אסור, ביז ער קען דינען עבודה זרה ח"ו.

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ñá 1/25/2010 12:30:56 AM

## שד משדין יהודאין

עס שטייט אין זוהר אַז "שד משדין יהודאין" מיינט אַ "שד פון אידן", וואָס דאָס גייט אויף דעם יצר הרע פון אַ איד, וואָס נעמט זיך פון "קליפּת נוגה".

וויבאַלד עס נעמט זיך פון "קליפּת נוגה" וואָס האָט אויך טוב און קען זיך איבערקערן צו קדושה, דעריבער ווירקט דער יצר הרע פון אַ איד, דער "שד משדין יהודאין", צו האָבן תאוות צו טאָן זאַכן וואָס זיינען מותר און קען דערהויבן ווערן צו קדושה. עס ווירקט אויף אַ מענטש צו האָבן הנאה פון עולם הזה — צו עסן, טרינקען און שלאָפן פאַר דעם פאַרגעניגן און ניט לשם שמים. דאָס הייסט: זיין נפש הבהמית נעמט זיך פון "קליפּת נוגה", און דעריבער וויל זי טאָן זאַכן וואָס נעמען זיך אויך פון "קליפּת נוגה", ווי אַלע זאַכן וואָס זיינען מותר, וואָס נעמען זייער חיות פון "קליפּת נוגה".

ווי דער אַלטער רבי איז מסביר פריער אין פּרק ז: ווען אַ מענטש עסט אָדער טרינקט מערניט כדי צו דערפילן זיין תאוה, ווייל ער האָט ליב די גוטע פלייש אָדער געשמאַקע וויין, דעמאָלט ווערט די עסן אַראָפּגענידערט און אַריינגענומען אין טומאה. אָבער דער מענטש קען אַרויסנעמען די חיות פון טומאה ווען ער קערט זיך אום צו דינען דעם אויבערשטן, וואָס דאַן נוצט ער די כח פון דעם עסן און טרינקען. וויבאַלד אַז די כח פון דעם עסן און טרינקען ווערן יעצט גענוצט פאַר דאַווענען, לערנען און דינען דעם אויבערשטן, דעריבער קען ער זיי אַרויסשלעפּן פון טומאה צוריק צו קדושה.

דאָס איז נאָר ווען דער מענטש איז געווירקט דורך אַ "שד משדין יהודאין", אַ אידישע "נפש הבהמית" און די עסן וואָס ער האָט געגעסן (צוליב זיין תאוה) איז געווען מותר צו עסן. אויב דער מענטש איז געווירקט דורך אַ "שד משדין נוכראין", אַ יצר הרע פון אַ גוי, און די עסן איז געווען אסור, דעמאָלט קען ער ניט אַרויסנעמען זייער חיות פון טומאה און עס קען ניט דערהויבן ווערן צו קדושה.

* * *

## חיבוט הקבר

"חיבוט הקבר" איז אַ שטראָף וואָס דער גוף דאַרף אַדורכגיין נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען די מלאכים שלאָגן דער גוף ווען זי געפינט זיך אין קבר.

אַלע עונשים וואָס דער גוף אָדער די נשמה דאַרף אַדורכגיין איז ניט כדי צו באַשטראָפן דעם גוף אָדער די נשמה, נאָר כדי איר אויסצורייניקן און מטהר זיין. "חיבוט הקבר" איז כדי אויסצורייניקן דער גוף פון אַ מענטש פון די פאַרגעניגנס וואָס דער גוף האָט געהאַט זייענדיק אויף דער וועלט וואָס איז ניט געווען לשם שמים. ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין פרק ז, ווען אַ מענטש האָט געגעסן עפּעס וואָס איז כשר און מותר אָבער עס האָט געפעלט די כוונה לשם שמים (כדי צו קענען דאַווענען, לערנען און דינען דעם אויבערשטן), נאָר ער האָט עס געגעסן מערניט כדי צו דערפילן זיין תאוה, ווערן די חיות פון די עסן אַריינגענומען אין טומאה. כאָטש דער מענטש קען נאָך אַלץ צוריקקערן און דערהויבן די חיות צו קדושה ווען ער טוט תשובה, אָבער וויבאַלד די עסן איז געגעסן געוואָרן צוליב זיין תאוה פאַר עסן, בלייבט נאָך איבער אַ "רשימו" — אַ ניט־גוטער צייכן דערפון אויף זיין גוף. כדי צו אויסרייניקן דעם גוף פון דער ניט־גוטער צייכן, דאַרף זי אַדורכגיין "חיבוט הקבר". אַזוי ווי אַ מענטש "שלאָגט" אַ קלייד אַראָפּצונעמען פון איר דאָס שמוץ, אַזוי אויך "שלאָגט" מען דעם גוף כדי עס אויסצורייניקן.

דער רבי שרייבט אין "היום יום" (ז טבת), אין נאָמען פון דעם פריערדיקן רבי'ן, אַז כדי צו פּטר'ן זיך פון דעם עונש פון "חיבוט הקבר" זאָל אַ מענטש אָפּגעבן אַ זעקסטל פון דעם טאָג (פיר שעות אַ טאָג) צו זאָגן ווערטער פון תורה און תהלים. עס ווערט אויך געבראַכט אין נאָמען פון דעם בעל־שם־טוב אַז כדי זיך צו ראַטעווען פון "חיבוט הקבר" זאָל אַ מענטש זיך אָפּרייסן ערב שבת פון אַלע גשמיות'דיקע זאַכן פון עולם הזה און זיך אײַנגאַנצן אָפּגעבן צו גרייטן פאַר שבת קודש[17].

17) זע "כתר שם טוב" סימן קנז.

## כף הקלע

"כף הקלע" איז אַ שטראָף וואָס די נשמה פון אַ מענטש גייט אַדורך נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אַלע עונשים וואָס דער גוף אָדער די נשמה דאַרף אַדורכגיין איז ניט כדי צו באַשטראָפן דעם גוף אָדער די נשמה, נאָר כדי איר אויסצורייניקן און מטהר זיין. "כף הקלע" איז כדי צו רייניקן דעם נפש פון די פּוסטע רייד (דברים בטלים) וואָס דער מענטש האָט גערעדט זייענדיק אויף דער וועלט. ווען די נשמה איז אין דעם גוף און דער מענטש האָט גערעדט "דברים בטלים" איז די נשמה פאַרבונדן מיט די "דברים בטלים" אַפילו נאָכדעם ווי זי גייט אַרויס פון דעם גוף און די נשמה קען נישט אַריינגיין אין גן עדן. דורך "כף הקלע" ווערט די נשמה אויסגעריייניקט און זי איז גרייט אַריינצוגיין אין גן עדן.

די שטראָף פון "כף הקלע" איז אַז מען נעמט די נשמה און מ'וואַרפט איר פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. דאָס הייסט: די נשמה ווערט געוואָרפן פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן. צום ערשט זעט זי דעם אמת און הייליקייט פון קדושה און ה', און דאַן וואַרפט מען איר אַריין צוריק צו די מחשבות און רייד וואָס זי האָט געהאַט ווען זי איז געווען אויף דער וועלט. ווען די נשמה זעט די טייערקייט און הייליקייט פון ה' און גלייך דערנאָך די "דברים בטלים" וואָס זי האָט געטראַכט און גערעדט ברענגט דאס איר גרויס צער. דורך דעם צער ווערט די נשמה אויסגעריייניקט פון די קליפּה און טומאה וואָס איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו איר פון די "דברים בטלים".

דער רבי שרייבט אין "היום יום" (ז טבת), אין נאָמען פון דעם פריערדיקן רבי'ן, אַז כדי צו פּטור ווערן פון דעם עונש פון "כף הקלע" זאָל אַ מענטש זאָגן וויפיל ער קען יעדן טאָג ווערטער פון משניות, תניא, און תהלים אויף אויסנווייניק (בעל פּה).

❖ ❖ ❖

## גיהנם

גיהנם איז אַ שטאַרקער עונש וואָס דער מענטש באַקומט פאַר עבירות וואָס ער האָט געטאָן ווען ער איז געווען אויף דער וועלט[18].

אַזוי ווי ווען מען וואַשט אַ קלייד, דאַרף מען אַמאָל נוצן קאַלטע וואַסער אַרויסצונעמען די פלעקן און די שמוץ און אַמאָל דאַרף מען נוצן הייסע וואַסער; אַזוי אויך, אויסצורייניקן די נשמה פון אירע פלעקן און שמוץ וואָס איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו איר ווען זי איז געווען אויף דער וועלט, געפינען מיר צוויי סאָרט עונשים פון גיהנם: גיהנם פון פייער ("גיהנם של אש") און גיהנם פון שניי ("גיהנם של שלג"):

גיהנם של אש: גיהנם פון פייער איז אַ עונש וואָס אַ מענטש באַקומט פאַר עובר זיין אַן עבירה. וויבאַלד דער מענטש איז "צוהיצט" ווען ער טוט די עבירה, איז זיין שטראָף ("מדה כנגד מדה") מיט היציקייט, "גיהנם" פון פייער, אויסצורייניקן די נשמה פון די פלעקן וואָס די עבירה האָט פאַראורזאַכט.

גיהנם של שלג: גיהנם פון שניי איז אַ עונש וואָס אַ מענטש באַקומט פאַר נישט טאָן אַ מצוה. וויבאַלד דער מענטש האָט נישט געטאָן די מצוה צוליב זיין "קאַלטקייט" און עצלות, איז זיין שטראָף ("מדה כנגד מדה") מיט קאַלטקייט, "גיהנם" פון שניי, אויסצורייניקן די נשמה.

* * *

18) פאַר דעם וואָס אַ מענטש האָט גערעדט "דברים בטלים" וואָס זיינען מותר, דאַרף ער אַדורכגיין דעם עונש פון "כף הקלע". אָבער אויב אַ מענטש האָט גערעדט זאַכן וואָס זיינען אסור צו ריידן (ווי ליצנות אָדער לשון הרע) דאַרף ער אַדורכגיין אַ שטראָף וואָס איז נאָך שווערער אויף צו אויסרייניקן די נשמה. אַזוי אויך, אויב אַ מענטש קען לערנען תורה און ער לערנט נישט און רעדט "דברים בטלים", איז דאָס פאַר אים אַזוי ווי רעדן זאַכן וואָס זיינען אסור און ער דאַרף אַדורכגיין די שטראָף פון "גיהנם". ווייל די שטראָף פון "כף הקלע" איז ניט גענוג אויסצורייניקן זיין נשמה.

# פרק ט

- מקום משכן נפש הבהמית
- מקום משכן נפש האלקית
- עיר קטנה
- אהבה כרשפי אש
- אהבה בתענוגים

Tanya_Minitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd ñæ 1/25/2010 12:30:58 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ñç 1/25/2010 12:30:59 AM

## מקום משכן נפש הבהמית

דער אָרט וואו עס רוט און ווערט אַנטפּלעקט די נפש הבהמית ביי אַ איד איז אין האַרץ. אין האַרץ גופא, געפינט זיך די נפש הבהמית אין דעם לינקן טייל פון האַרצן (וואָס איז אָנגעפילט מיט בלוט)[19].

דער אַלטער רבי זאָגט פריער אין פרק ו אַז דער עיקר פון די נפש הבהמית איז די מדות (די מדות פון כעס, גאוה, תאוות און אַזוי ווייטער). וויבאַלד די מדות פון אַ מענטש נעמען זיך פון זיין האַרץ, דעריבער איז די האַרץ דער "מקום משכן נפש הבהמית" – דער באַשטימטער אָרט וואו די נפש הבהמית רוט און פון וואו די נפש הבהמית ווירקט אויף דעם מענטש. אַלע תאוות פון אַ מענטש נעמען זיך פון זיין האַרץ און פון דאָרטן פאַרשפּרייטן זיי זיך איבער דעם גאַנצן גוף פון אַ מענטש, דורך זיין מחשבה, דיבור און מעשה. אַזוי ווי די בלוט פון אַ מענטש געפינט זיך אין האַרץ, און פון דאָרט ווערט עס פאַרשפּרייט אין די אַנדערע טיילן פון גוף, אַזוי אויך געפינט זיך די נפש הבהמית אין האַרץ און פון דאָרט פאַרשפּרייט זי זיך אין אַלע אַנדערע טיילן פון דעם גוף.

אין פרק ט איז דער אַלטער רבי מסביר אַז פון האַרץ גייט די תאוה אַרויף צו דעם מוח אין קאָפּ פון אַ מענטש, און דאָרטן טראַכט ער ווי אַזוי צו דערפילן די תאוה. אין דעם פאַל (ביי די נפש הבהמית), ווערט ניט דער מענטש געפירט דורכ'ן שכל; דער שכל איז מערניט ווי אַ "כלי" וואָס דינט די מידות, צו דערגרייכן וואו די האַרץ (די נפש הבהמית) וויל דערגרייכן. ביים נפש האלקית איז דאָס פּונקט פאַרקערט; דער שכל איז דער "בעל הבית" און זי פירט די מדות אין האַרץ.

דערפון קען אַ מענטש אויסגעפינען און וויסן קלאָר ביי זיך פון וואַנעט נעמט זיך אַ רצון צו טאָן אַ געוויסע זאַך: אויב דער רצון קומט פון זיין האַרץ דעמאָלט ווייס ער אַז עס קומט פון זיין נפש הבהמית. אויב אָבער עס קומט פון זיין מוחין אין קאָפּ, דעמאָלט ווייס ער אַז עס קומט פון זיין נפש האלקית (ווי דער אַלטער רבי זאָגט באַלד אַז דער "מקום משכן נפש האלקית" – דער אָרט וואו עס רוט די נפש האלקית איז אין מוח פון קאָפּ).

---

19) דער אַלטער רבי זאָגט פריער אין פרק א אַז דורך די נפש הבהמית באַקומט דער גוף איר חיות. דעריבער געפינט זיך די נפש הבהמית אין דעם לינקן טייל פון האַרץ, וואו עס געפינט זיך די בלוט וואָס באַלעבט דעם מענטש.

## מקום משכן נפש האלקית

דער אָרט וואו עס רוט און ווערט אַנטפּלעקט די נפש האלקית איז אין דער מוח אין דעם קאָפּ.

וויבאלד דער עיקר פון די נפש האלקית איז שכל, און דער שכל פון אַ מענטש איז אין זיין מוח אין זיין קאָפּ, דעריבער איז די קאָפּ דער "מקום משכן נפש האלקית" – דער באַשטימטער אָרט וואו עס רוט און ווערט אַנטפּלעקט די נפש האלקית. פון דער קאָפּ פאַרשפרייט זיך די נפש האלקית צו אַלע טיילן פון גוף צו ווירקן אַז אַלץ וואָס אַ מענטש טראַכט, רעדט און טוט זאָל זיין לשם שמים.

די נפש האלקית רוט און אַנטפּלעקט זיך אויך אין האַרץ פון אַ מענטש, און אין האַרץ אַליין אין דער רעכטער זייט (וואו עס געפינט זיך נישט (צופיל) בלוט און פון וואו דער מענטש באַקומט לופט צו אָטעמען, וואָס איז מער אַ רוחניות'דיקע זאַך ווי בלוט). דאָרט אַנטפּלעקן זיך מדות פון די נפש האלקית (אהבת ה', יראת ה', שמחה) וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען באַהאַלטן (בהעלם). דאָס הייסט, דורך דעם פאַרשטאנד אין מוח פון זיין קאָפּ וועגן די גרויסקייט פון ה' ערוועקט זיך אין האַרץ אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן און אַ יראה פאַר ה'.

מען וואָלט געקענט מיינען אַז יעדער איינע פון די צוויי נפשות, דער נפש האלקית און נפש הבהמית, רוט אין איר באַזונדערער אָרט און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם צווייטן. פירט אויס דער אַלטער רבי אין פּרק ט אַז יעדער איינע פון זיי פירט אַ שטאַרקע מלחמה איינצונעמען דעם גוף פון אַ מענטש, אַז עס זאָל זיך פירן לויט ווי ער וויל.

✦ ✦ ✦

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ò 1/25/2010 12:31:00 AM

## עיר קטנה

דער גוף פון אַ מענטש ווערט אָנגערופן אַ "קליין שטאָט". פונקט ווי צוויי קעניגן פירן אַ מלחמה אויף צו קענען איינעמען אַ שטאָט און צו קעניגן איבער אַלע אירע איינוואוינער; אַזוי פירט זיך אַ שטענדיקע מלחמה צווישן צוויי קעניגן צו געוועלטיקן אויף דער "שטאָט" (דער גוף פון אַ מענטש) און ביידע זוכן וועגן ווי צו ווירקן אויף די איינוואוינער פון דער שטאָט (די באַזונדערע טיילן פון דער גוף) אַז זיי זאָלן זיך פירן לויט ווי ער וויל.

די צוויי "קעניגן" זיינען די נפש האלקית און די נפש הבהמית. יעדער איינער וויל זיין דער "בעל הבית" אויף דעם גוף פון אַ מענטש. די נפש האלקית וויל אַז אַלע טיילן פון דער גוף זאָלן זיך פירן לויט ווי דער אויבערשטער וויל; אַלע אירע מחשבות, דיבורים און מעשים זאָלן זיין לשם שמים. זי פירט אַ מלחמה מיט'ן נפש הבהמית ווייל זי וויל אַז דער גאַנצער גוף זאָל זיין אַ "לבוש" פאַר די צען בחינות פון די נפש האלקית (ווי דער אַלטער רבי זאָגט פריער אין פרק ג) און צו אירע דריי לבושים פון מחשבה, דיבור און מעשה (ווי דער אַלטער רבי זאָגט פריער אין פרק ד). און די נפש הבהמית וויל אַז אַלע טיילן פון דעם גוף זאָלן זיך פירן נישט ווי דער אויבערשטער.

דער אַלטער רבי איז מסביר אין פרק ט דעם ציל און תכלית פון יעדער איינע פון די צוויי נפשות:

דער ציל פון די נפש האלקית: ערשט וויל זי אָפּהאַלטן די נפש הבהמית פון געוועלטיקן איבער דעם גוף, דורך דעם וואָס דער גוף האַלט זיך אָפּ און טוט נישט וואָס דער נפש הבהמית וויל זי זאָל טאָן; נישט צו טאָן אַן עבירה, אָדער נישט צו עסן און שלאָפן צוליב אַ תאוה (אין חסידות ווערט די עבודה אָנגערופן "אתכפיא"). דערנאָך וויל די נפש האלקית איבערמאכן און איבערבייטן די נפש הבהמית אַז אירע כחות זאָלן גענוצט ווערן נאָר פאַר קדושה, פאַר תורה און מצות (אין חסידות ווערט די עבודה אָנגערופן "אתהפכא"). ווייל די נפש הבהמית איז נאָר אַ כח וואָס פירט אַ מענטש צו ווילן און גלוסטן. איר נאַטירלעכע ווילן איז צו טאָן שלעכטס. אָבער דורך גרויס האָרעוואַניע קען אַ גרויסער צדיק דאָס איבערמאַכן און איבערבייטן, כדי צו נוצן דעם שטאַרקן כח פון די נפש הבהמית פאַר קדושה.

דער ציל פון די נפש הבהמית: פון איין זייט, וויל זי איינרעדן אַ מענטש צו טאָן

אַן עבירה, אָבער פון צווייטן זייט, ווייל די נפש הבהמית אַז דער מענטש זאָל ניט זינדיקן. איר אמת׳ע כוונה איז אַז דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן אוןביישטיין דעם נסיון און נישט פאָלגן דעם יצר הרע. דורכדעם ווערט דער מענטש שטאַרקער אין זיין עבודת ה׳ און ווערט נאָך נענטער צום אויבערשטן.

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd òá 1/25/2010 12:31:00 AM

## אהבה כרשפי אש

דאָס מיינט אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן וואָס אַ מענטש האָט, וואָס די ליבשאַפט איז אַזוי גרויס אַז עס פלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער ("כרשפי אש"). די סאָרט ליבשאַפט צום אויבערשטן איז ווען אַ מענטש האָט אַ שטאַרקן רצון און אַ תשוקה צו ווערן פאַראייניקט מיט ה׳ פון דעם טיפעניש פון זיין האַרץ.

ווי קען אַ מענטש האָבן אַזאַ סאָרט ליבשאַפט צו ה׳?

ווען ער טראַכט זיך אַריין אין די גרויסקייט פון ה׳ ווערט געבוירן אַ גרויס ליבשאַפט אין זיין האַרץ פאַר ה׳, זיין תורה און מצוות. דער מענטש וויל זיך זייער דערנענטערן און פאַרבינדן מיט ה׳. די סאָרט אהבת ה׳ איז נאָך נישט די העכסטע מדריגה אין אהבת ה׳ ווייל זי ווירקט נאָך ניט אויף דעם מענטש צו ווערן פאַראייניקט מיט ה׳. זי ברענגט דעם מענטש דערצו אַז ער זאָל וועלן זיין פאַרבונדן און פאַראייניקט מיט ה׳, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַ מדבר און איז שטאַרק דורשטיק פאַר וואַסער. כאָטש ער טראַכט די גאַנצע צייט וועגן וואַסער, און ער וויל דאָס זייער שטאַרק, ער האָט נאָך נישט די וואַסער. דער סאָרט אהבת ה׳ איז די מדריגה פון אַ בינוני (ווי דער אַלטער רבי ערקלערט ווייטער אין תניא). אַ העכערע מדריגה אין אהבת ה׳, וואָס צדיקים האָבן, איז ווען אַ מענטש ווערט שוין פאַראייניקט מיט ה׳. דאָס רופט זיך אַן "אהבה בתענוגים" — אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן פון פאַרגעניגן פון זיין פאַראייניקט מיט ה׳.

דורך די מדריגה פון אהבת ה׳ "כרשפי אש" ווירקט אַ מענטש אַז די נפש הבהמית זאָל נישט געוועלטיקן איבער זיין גוף, דורך דעם וואָס דער גוף האַלט זיך אָפּ און טוט נישט וואָס די נפש הבהמית וויל זי זאָל טאָן; נישט צו טאָן אַן עבירה, אָדער עסן און שלאָפן נישט צוליב אַ תאוה (אין חסידות ווערט די עבודה אָנגערופן "אתכפיא").

* * *

## אהבה בתענוגים

אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן וואָס איז מיט גרויס "תענוג", פאַרגעניגן, וואָס קומט פון זיין פאַראייניציקט מיט ה'. דער צדיק פילט אַזוי נאָנט צו ה' אַז ער פילט די ג־טלעכע ליכט און האָט פון דעם גרויס רוחניות'דיקע תענוג.

די הויכע מדריגה אין אהבת ה' איז פאַראַן נאָר ביי גאָר גרויסע צדיקים, און דער אַלטער רבי זאָגט אין פרק ט אַז דאָס איז ענלעך צו דעם תענוג וואָס די נשמה האָט אין עולם הבא.

די מדריגה אין אהבת ה' איז אַזוי שטאַרק אַז זי ווירקט אויף די נפש הבהמית זיך איבערצובייטן און זיין אינגאַנצן גוט. דאָס הייסט, די ליבשאַפט וואָס די נפש הבהמית האָט פאַר גשמיות'דיקע זאַכן ווערט איבערגעביטן צו ליב האָבן ג־טלעכקייט. ווייל די נפש הבהמית איז אַ כח וואָס פירט אַ מענטש צו ווילן און גלוסטן (וואָס ווערט גערופן אַ "כח המתאוה"). ווען אַ מענטש ווערט געבוירן, איר נאַטירלעכע ווילן איז צו האָבן פאַרגעניגן פון אַלע גשמיות'דיקע תענוגים. אָבער אַ גרויסער צדיק קען דאָס איבערמאַכן און איבערבייטן, כדי צו נוצן דעם שטאַרקן כח פון ווילן און גלוסטן, צו וועלן און גלוסטן בעסערע זאַכן, הייליקע זאַכן. וואָס מער ליבשאַפט אַ מענטש האָט צום אויבערשטן אַלץ ווייניקער האָט ער ליב גשמיות'דיקע תענוגים. אַ צדיק וואָס זיין ליבשאַפט איז אַזוי גרויס ("אהבה בתענוגים") האָט ער שוין נישט קיין ליבשאַפט צו גשמיות'דיקע זאַכן, און ער מאַכט איבער זיין נפש הבהמית צו וועלן תורה און מצות.

* * *

# פרק י

- צדיק גמור
- צדיק שאינו גמור
- צדיק וטוב לו
- צדיק ורע לו
- מואס ברע
- בני עלי'ה

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd  òã  1/25/2010  12:31:01 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd òå 1/25/2010 12:31:03 AM

# צדיק גמור; צדיק שאינו גמור צדיק וטוב לו; צדיק ורע לו

אַ צדיק איז אַ מענטש וואָס פירט זיך אינגאַנצן לויט זיין נפש האלקית. זיין נפש האלקית שטאַרקט זיך איבער זיין נפש הבהמית און אַלע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים זיינען לשם שמים. אָבער אין דעם זיינען פאַראַן עטליכע מדריגות: אַ "צדיק גמור", אַ "צדיק שאינו גמור"; אַ צדיק וטוב לו" און אַ "צדיק ורע לו".

אַ "צדיק שאינו גמור" איז אַ מענטש וואָס אלע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים זיינען לשם שמים. ער האָט נאר איין רצון – צו דינען דעם אויבערשטן. אויב אַזוי פאַרוואָס ווערט ער אָנגערופן אַ "צדיק שאינו גמור"?

ערקלערט דער אַלטער רבי אין פרק יו"ד אַז כאָטש ער פירט זיך אינגאַנצן לויט זיין נפש האלקית און האָט אַ גרויסע און שטאַרקע ליבשאַפט צו ה', פונדעסטוועגן פעלט אים אַביסל אין זיין "אהבת ה'". זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן איז ניט אויפן העכסטן מדריגה, און ער האָט נאָך אַביסל ליבשאַפט צו אַנדערע ניט ג־טליכע זאַכן. דעריבער אין זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן נישט אויף די העכסטע מדריגה, ווייל לויט וויפל זיין ליבשאַפט איז צום אויבערשטן, מעסט זיך זיין ליבשאַפט צו אַנדערע זאַכן; אויב זיין ליבשאַפט צו ה' נעמט אים אַדורך אינגאַנצן, קען ער נישט האָבן אַ ליבשאַפט צו זאַכן וואָס זיינען ניט הייליק. אָבער אויב ער פאַרמאָגט נאָך אַלץ אַביסל ליבשאַפט צו אַנדערע זאַכן, קען זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן נישט זיין בשלימות.

דעריבער ווערט דער צדיק אויך אָנגערופן אַ "צדיק ורע לו": וויבאַלד ער האָט נאָך אַ קליין ביסל שלעכטס וואָס ער האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטריבן און איבערגעמאַכט צו קדושה, איז ער טאַקע אַ "צדיק" אָבער "ורע לו" – ער האָט נאָך פאַרבליבן אַביסל שלעכטס. אָבער דער רע וואָס אין אים איז בטל צו זיין טוב און עס איז גערעכנט ווי גאָרניט אַנטקעגן דעם טוב. דערפאַר הייטס ער אַ "צדיק ורע לו" – אַז דער רע איז "לו", אונטערגעוואָרפן און בטל צו אים, צו דעם מענטש וואָס איז מערסטנס גוט.

אַ "צדיק גמור" איז אָבער אַ צדיק וואָס זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן איז אויף אַזאַ הויכע מדריגה אַז ער האָט נישט קיין שום ליבשאַפט צו אַנדערע זאַכן

וואָס זיינען ניט הייליק. ער איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט ה׳ אַז ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגערייניקט פון שלעכטס; ער האָט פיינט ״רע״ אינגאַנצן און ער איז אין איר פאַר׳מיאוס׳ט. נאָכמער, דער ״צדיק גמור״ האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדריגה אין זיין עבודת ה׳ אַז ער האָט איבערגעמאַכט און איבערגעביטן אַלע כחות פון זיין נפש הבהמית צו קדושה. די כח און שטאַרקייט פון נפש הבהמית וואָס ווערט געוויינלעך גענוצט פאַר ניט־גוטע זאַכן, צו שטופּן אַ מענטש צו טאָן אַן עבירה, נוצט ער יעצט אויס אים צו שטופּן לערנען תורה און מקיים זיין מצות.

קומט אויס, אַז סיי ביי אַ ״צדיק גמור״ און סיי ביי אַ ״צדיק שאינו גמור״ פירט זיך נישט קיין מלחמה צווישן די צוויי נפשות, ווי ביי אַ מענטש וואָס איז ניט קיין צדיק. נאָר ביי דעם ״צדיק גמור״ זיינען ביידע נפשות, סיי דער נפש האלקית און סיי דער (גאַנצער) נפש הבהמית, אַרבעטן צוזאַמען אויסצופירן דעם אויבערשטנ׳ס רצון. דעריבער הייסט ער אַ ״צדיק גמור״, ווייל דער ״גאַנצער״ מענטש דינט דעם אויבערשטן. און דעריבער ווערט ער אָנגערופען ״צדיק וטוב לו״, ווייל ער איז אַ ״צדיק״ וואָס האָט גע׳פועל׳ט אויף זיך איבערצומאכן אַלץ צום גוטס — ״וטוב לו״.

אַנדערש איז אַ ״צדיק שאינו גמור״: כאָטש ער דאַרף נישט פירן קיין מלחמה אַנטקעגן זיין נפש הבהמית, ווייל זי איז אינגאַנצן בטל צום נפש האלקית, אָבער פונדעסטוועגן איז זיין נפש הבהמית נאָך נישט אינגאַנצן איבערגעמאַכט און איבערגעביטן געוואָרן צו טוב. דערפאַר איז ער אָנגערופען אַ ״צדיק שאינו גמור״ און ״צדיק ורע לו״.

## מואס ברע

אַ צדיק וואָס פועל'ט ביי זיך צו האָבן אַזאַ גרויסע ליבשאַפט צום אויבערשטן ביז אַז יעדער זאַך פון רע איז ביי אים אינגאַנצן מאוס. זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן האָט אויף אים אַזוי שטאַרק געווירקט ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגערייניקט פון שלעכטס און דאָס איז ביי אים יעצט אינגאַנצן פאַר'מיאוס'ט. וואָס גרעסער זיין ליבשאַפט איז צו ה', אַלץ מער איז ער פאַר'מיאוס'ט אין רע און שלעכטע זאַכן.

ביי אַ "צדיק שאינו גמור", וויבאַלד ער האָט נאָך אַ קליין ביסל רע געבליבן אין זיך, איז ער ניט אינגאַנצן "מואס ברע". פריער מוז ער זיך אינגאַנצן אויסרייניקן פון רע און דעמאָלט קען ער זיין אַ "מואס ברע", און עס אינגאַנצן איבערמאַכן און איבערבייטן צו קדושה. אַזוי ווי אַ מענטש וואָס טראָגט שמוציקע קליידער, מוז ער ערשט אויסטאָן די שמוציקע קליידער און דערנאָך קען ער אָנטאָן נייע, ריינע קליידער. אַזוי אויך, כל זמן אַ מענטש האָט נאָך אַביסל אַ ליבשאַפט און פאַרגעניגן פון גשמיות'דיקע זאַכן, קען ער נישט האָבן קיין גאנצע ליבשאַפט צום אויבערשטן. דוקא אַ מענטש וואָס איז "מואס ברע", קען זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן זיין אויף די העכסטע מדריגה.

* * *

# בני עלי׳ה

״בני עלי׳ה״ מיינט צדיקים וואָס זיינען אין דער הויכע מדריגה פון אַ ״צדיק גמור״, ווייל זיי קערן איבער זייער גאַנצער רע צו טוב; זיי דערהויבן זייער גאַנצער נפש הבהמית צו קדושה.

דער אַלטער רבי אין פרק יו״ד גיט צוויי טעמים פאַרוואָס זיי ווערן אָנגערופן ״בני עלי׳ה״:

א. בני עלי׳ה – דאָס זיינען צדיקים וואָס זיינען ניט נאָר אָפּגעהיט פון טאָן עבירות און האָבן אינגאַנצן פאַרטריבן זייער שלעכטס, נאָר נאָכמער זיי האָבן דאָס דערהויבן צו קדושה. זיי האָבן געבראַכט אַן ״עלי׳ה״ צו דעם רע דורכדעם וואָס זיי קערן איבער דער רע און נוצן די כחות פון דער נפש הבהמית פאַר קדושה. דעריבער ווערן זיי אָנגערופן ״בני עלי׳ה״.

ב. בני עלי׳ה – צדיקים וואָס זייער עבודת ה׳ איז אינגאַנצן ניט צוליב זיך; כדי צו זיך פאַראייניקן מיט ה׳. נאָר זייער גאַנצער עבודה איז צוליב דעם אויבערשטן. זייער תורה און מצות איז ניט צוליב זייער אייגענע רוחניות׳דיקע דורשט, נאָר אינגאַנצן צוליב דעם אויבערשטן.

מען קען דאָס פאַרשטיין לויט וואָס איז באַוואוסט וואָס דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן:

״איך וויל ניט דיין עולם הבא, איך וויל ניט דיין גן עדן; איך וויל מער ניט, נאָר דיך אַליין״ (דעם אויבערשטן).

דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אַז וויבאַלד מען האָט אונז דערציילט דעם סיפּור, מיינט עס אַז אויך מיר קענען עפּעס פון דעם לערנען. ווייל באמת האָט יעדער איד אין זיין נשמה אַ טיפע ליבשאַפט צו ה׳; יעדער איד האָט אין זיך אַ געפיל צו טאָן מצות און לערנען תורה כדי צו ברענגען נחת רוח צו ה׳, ווי אַ קינד וואָס וויל געבן נחת צו זיינע עלטערן.

# פרק יא

- רשע וטוב לו
- רשע ורע לו
- הרהורי עבירה קשים מעבירה

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ôá 1/25/2010 12:31:06 AM

## רשע וטוב לו

אַ מענטש וואָס די שלעכטס פון זיין נפש הבהמית שטאַרקט זיך איבער דעם טוב פון זיין נפש האלקית, וואָס דערפאַר הייסט ער אַ רשע. אָבער ער איז אַ "רשע וטוב לו" – ער האָט אין זיך נאָך אַלץ גוט, נאָר עס איז בטל צום די שלעכטס פון נפש הבהמית.

וויבאַלד ער האָט נאָך אַלץ טוב אין אים, איז נאָכדעם ווען זיין יצר הרע שטאַרקט זיך און ווירקט אויף אים צו טאָן אַן עבירה ח"ו, שטאַרקט זיך דער גוט פון זיין נפש האלקית און ווירקט אויף אים צו תשובה טאָן[19]. אָבער זיין תשובה איז נישט שטאַרק גענוג צו פועל'ן אַז ער זאָל זיך אָפּשיידן פון רע אינגאַנצן, דעריבער בלייבט ער נאָך אַ "רשע". למשל ווען צוויי קעניגן פירן אַ מלחמה איינצונעמען אַ שטאָט, בשעת די אַרמיי פון איין קעניג האָט אַרויסגעטריבן די אַנדערע אַרמיי פון שטאָט, מיינט דאָס נישט אַז דער קעניג און זיין אַרמיי איז בטל געוואָרן. עס איז מערניט אַז איצטער איז די שטאָט אין די הענט פון איין קעניג, אָבער עס קען זיין אַז אין אַ קורצער צייט וועט זיך די צווייטע אַרמיי אומקערן און איננעמען די שטאָט.

אַזוי איז דאָס אויך אין דער מלחמה צווישן די נפש האלקית און נפש הבהמית: כאָטש דער מענטש האָט תשובה געטאָן אויף זיין עבירה, קען ער צוריק עובר זיין אַן עבירה נאָכאַמאָל ווייל דער רע פון נפש הבהמית איז נאָך שטאַרק ביי אים. דעריבער ווערט ער נאָך אָנגערופן אַ "רשע", נאָר "וטוב לו", צוליב זיין טוב.

דער אַלטער רבי אין פרק י"א זאָגט אַז אין "רשע וטוב לו" זיינען פאַראַן צענדליקער טויזנטער פאַרשידענע מדריגות; פאַראַן אַזעלכע וואָס ביי זיי איז דער טוב זייער ווייניק בטל צום רע, און ער פאַלט דורך אין אַ לייכטע עבירה, נישט אָפּט און נאָר אין איינער פון די דריי לבושים (אין מחשבה, אָדער דבור, אָדער מעשה). און פאַראַן אַנדערע וואָס ביי זיי שטאַרקט זיך די שלעכטס פון זייער נפש הבהמית נאָך מער, נאָך שטאַרקער, און אין מערערע לבושים.

⁂

20) און ער ווערט דעמאלט גערעכנט א "צדיק גמור" מיט'ן "שם המושאל", ווי דער אלטער רבי זאגט אין פרק א. אבער ער ווערט נאך אלץ אנגערופן א "רשע וטוב לו" מיט'ן שם התואר.

## רשע ורע לו

אַ מענטש וואָס די שלעכטס פון זיין נפש הבהמית האָט זיך אַזוי געשטאַרקט איבער דעם טוב פון זיין נפש האלקית (רשע), ביז עס בלייבט ביי אים נאָר רע (ורע לו).

וויבאַלד זיין רע האָט זיך אַזוי פיל געשטאַרקט און ער האָט שוין נישט קיין טוב אין זיך, דעריבער איז דער "רשע ורע לו" איינער וואָס האָט קיין מאָל ניט קיין חרטה אויף זיינע עבירות, און עס פאַלט אים נישט אַריין קיין געדאַנקען צו טאָן תשובה. ביי אַ "רשע וטוב לו", וויבאַלד ער האָט נאָך אַביסל גוט, ווירקט דאָס אויף אים ער זאָל חרטה האָבן אויף זיין עבירה און טאָן תשובה. אָבער וויבאַלד דער "רשע ורע לו" האָט שוין נישט קיין טוב, האָט ער נישט חרטה און אַ רצון פאַר תשובה.

כאָטש דער "רשע ורע לו" האָט פאַרטריבן זיין טוב, פונדעסטוועגן האָט דער "רשע ורע לו" נאָך אַלץ אַ הייליקע נשמה, אַ "חלק אלוקה ממעל ממש". כאָטש ער פילט נישט דער טוב אין זיך, טוט אים דער אויבערשטער אַ גרויסן חסד און דער טוב בלייבט אין אַן אופן פון "מקיף" – ער נעמט אים ארום פון ווייט, פון אויבן, און ער קען נישט פאַרטרייבן דעם טוב אינגאַנצן. נאָר ביי אים זעט זיך נישט אָן דער טוב און עס אָנטפּלעקט זיך נישט.

אין דעם דריקט זיך אויס אַ אונטערשייד צווישן דעם "רשע ורע לו" און דעם "צדיק וטוב לו":

ביי אַ "צדיק וטוב לו" ווערט דער רע אינגאַנצן פאַרטריבן און עס ווערט איבערגעביטן צו טוב. אַנדערש איז דער "רשע ורע לו", וואָס ביי אים בלייבט נאָך אַלץ אַביסל טוב (אין אַן אופן פון "מקיף"), כאָטש עס איז נישט אַנטפּלעקט. דער טוב וואָס בלייבט ביים "רשע ורע לו" קען ביי אים ערוועקן צו טאָן אַ מצוה, אַפילו אַ גרויסע מצוה ווי ראַטעווען אַ איד.

דעריבער זאָגן חז"ל אַז ווען צען אידן קומען זיך צוזאַמען רוהט דאָרט די שכינה. וואָס דאָס גייט אַפילו אויב די אידן זיינען אין דער מדריגה פון "רשע ורע לו" – אויך אויף זיי רוהט די שכינה. ווייל אַפילו ביי די דאָזיקע מענטשן געפינט זיך טוב און קדושה אין אַן אופן פון "מקיף".

## הרהורי עבירה קשים מעבירה

טראַכטן וועגן טאָן אַן עבירה איז (אין געוויסע פּרטים) ערגער ווי די עבירה אַליין.

בפּשטות נעמט מען אָן אַז טראַכטן (מחשבה) איז נישט אַזוי שלעכט ווי טאָן (מעשה). אָבער באמת, אין געוויסע פּרטים, איז טראַכטן וועגן אַן עבירה נאָך ערגער ווי טאָן די עבירה אַליין. אין חסידות ווערט געבראַכט עטליכע טעמים אויף דעם:

1. וויבאַלד דער לבוש פון מחשבה איז די נאָענסטע לבוש צום נפש און איז שטאַרק פאַרבונדן מיט אים, איז די מחשבה וועגן אַן עבירה שאַדט דעם נפש נאָך מער ווי טאָן די עבירה דורך דעם לבוש פון מעשה (וועלכע איז ווייט און נישט אזוי פאַרבונדן מיט׳ן נפש אַליין).

2. דער לבוש פון מחשבה איז אַן איידעלער לבוש און העכער פון די אַנדערע לבושים (דיבור און מעשה). דעריבער, ווען אַ מענטש טראַכט וועגן אַן עבירה איז ער מטמא דעם העכסטן לבוש, און מען קען ניש צוגלייכן ווען אַ מענטש פאַרשמוציקט סתם אַ בגד, צו פאַרשמוציקן אַ טייערן און חשוב׳ן בגד וואָס איז געמאַכט פון זיידן.

3. ווען אַ מענטש טוט אַן עבירה ח״ו במעשה, ווערט די מעשה פון דער עבירה פאַרשוואונדן נאָכן אָפּטאן די עבירה. אָבער ווען אַ מענטש טראַכט וועגן אַן עבירה בלייבט די מחשבה פון דער עבירה פאַרבונדן מיט דעם מענטש.

✦ ✦ ✦

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ôå 1/25/2010 12:31:06 AM

# פרק יב

- הבינוני
- שעת מוחין דגדלות
- המוח שליט על הלב

Tanya_MInitz_ _1.26_ _FINAL_ _NEW.indd ôæ 1/25/2010 12:31:07 AM

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd ôç 1/25/2010 12:31:08 AM

## הבינוני

נאָך דעם ווי דער אַלטער רבי איז מסביר אין די פריערדיקע פּרקים די מיינונג און די פאַרשידענע מדריגות פון צדיקים און רשעים, איז דער אַלטער רבי מסביר אין פּרק יב די מיטלסטע מדריגה, צווישן אַ צדיק און אַ רשע — די מדריגה פון א "בינוני".

אַ "בינוני" איז אַ מענטש וואָס זיינע לבושים פון מחשבה, דיבור און מעשה זיינען אינגאַנצן געהערשט דורך זיין נפש האלקית. ער דערלאָזט ניט אַז דער נפש הבהמית זאָל ווירקן אויף זיין טראַכטן, רעדן אָדער טאָן אַפילו אויף אַ קורצע ווײַלע. אָבער ווען עס קומט צו זיינע אינערליכע כחות, זיין שכל און מדות, איז דער נפש האלקית נישט דער איינציקער בעל הבית. אין זיין שכל און מדות איז דער נפש הבהמית נאָך שטאַרק און גלוסט נאָך צו וועלט־זאַכן וואָס זיינען נישט לשם שמים. אָבער דער "בינוני" געפינט זיך אין אַזאַ שטאַרקער רוחניות׳דיקער מצב אַז ער דערלאָזט נישט דעם נפש הבהמית זיך אויסדריקן אין זיינע לבושים — זיין מחשבה, דיבור אָדער מעשה.

דער בינוני דערלאָזט נישט אַז די דריי לבושים פון זיין נפש הבהמית — די מחשבה דיבור און מעשה פון קליפּה (טראַכטן וואָס מען טאָר ניט, רעדן וואָס מען טאָר ניט און מעשים וואָס מען טאָר ניט טאָן) זאָלן זיך אָנטאָן אין זיין גוף. דורך אַרבעטן אויף זיך שווער פּועל׳ט ער אַז נאָר די דריי לבושים פון זיין נפש האלקית טוען זיך אָן אין זיין גוף, דורכדעם וואָס אַלע זיינע מחשבות, אַלע זיינע רייד און אַלץ וואָס ער טוט איז לשם שמים, צו דינען דעם אויבערשטן.

דער אַלטער רבי זאָגט אַז דער "בינוני" געפינט זיך אין אַזאַ הויכע מדריגה אַז עס איז אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט עובר געווען אַ עבירה, און ער וועט קיינמאָל נישט עובר זיין אַן עבירה; ער איז איינער וואָס איז קיינמאָל נישט אָנגערופן מיטן נאָמען "רשע" אַפילו איין רגע ניט.

שטעלט זיך דער שאלה: עס קען דאָך זיין אַז אַ איד זאָל עובר זיין אַן עבירה און דערנאָך תשובה טאָן, ווי עס דאַרף צו זיין, און זיך אַוועקשטעלן אויף דער מדריגה פון אַ בינוני. איז ווי קען מען זאָגן אַז אַ "בינוני" האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט עובר געווען אַן עבירה?

איז דער רבי מסביר אַז דער אַלטער רבי מיינט נישט צו זאָגן אַז אַ בינוני האָט לפּועל נישט עובר געווען אַן עבירה. נאָר דער פּשט איז אַז אַ בינוני איז דער וואָס לויט זיין איצטיקן מצב איז ער אַזוי ווייט פון טאָן אַן עבירה ביז אַז ער שטייט אינגאַנצן העכער פון אַן עבירה סיי פון זיין "עבר" און סיי פון זיי "עתיד". דאָס הייסט: לויט זיין היינטיקן רוחניות׳דיקן מצב איז ער אַזוי ווי אַ נייער מענטש מיט שטאַרקערע כחות צו געווינען איבער זיין יצר הרע וואָס האָט אויף אים געווירקט צו טאָן די עבירה פאַר דעם וואָס ער איז געוואָרן אַ בינוני; לויט זיין נייעם צושטאַנד וואָלט ער זיכער ניט געזינדיקט דעמאָלט. און אַזוי איז אויך אָפּגעפרעגט ביי אַ בינוני, לויט זיין היינטיקן מצב אין עבודת ה׳, צו זיין שייך צו עובר זיין אַן עבירה "לעתיד".

אויב אַזוי פאַרוואָס איז ער נישט קיין צדיק? ווייל זיין נפש הבהמית האָט נאָך אַלץ אַ דעה אין זיינע אינערלעכע כחות, אין זיין שכל און מדות, און עס דערוועקט אין זיין האַרץ תאוות. אָבער זיין נפש האלקית שטאַרקט זיך איבער און דערלאָזט נישט זיין מחשבה, דיבור און מעשה צו ווערן געווירקט פון זיין נפש הבהמית. דאָס הייסט: זיינע תאוות בלייבן אינעווייניג אין זיין שכל און מדות, און ער דערלאָזט ניט זיי זאָלן זיך אויסדריקן אין זיינע לבושים (מחשבה, דיבור און מעשה).

דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא (פרק יד): "מידת הבינוני היא מידת כל אדם ואחריה כל אדם ימשוך, שכל אדם יכול להיות בינוני בכל עת ובכל שעה" — די מידה פון אַ בינוני און זיין מדריגה אין עבודת ה׳ איז שייך צו יעדער איד; אויב ער וויל נאָר, קען יעדער איינער דערגרייכן די מדריגה.

✦ ✦ ✦

## שעת מוחין דגדלות

אַ צייט אין וועלכע עס לייכט אַ העכערער ג־טלעכער גילוי אין די רוחניות׳דיקע הויכע וועלטן.

במשך די באַשטימטע צייטן, ווען עס לייכט אַ גרויסע ג־טליכע ליכט אין די רוחניות׳דיקע וועלטן, איז דאס אויך אַ פּאַסיקע צייט פאַר אַ מענטש אויף דער וועלט צו זיך דערהויבן צו אַ העכערע מדריגה אין זיין עבודת ה׳.

דאָס איז די צייט פון קריאת שמע און דאַווענען וואָס דעמאָלט פאַרבינדט מען זיך מיטן אויבערשטן. אָט די באַשטימטע צייטן זיינען פּאַסיק פאַר אַ מענטש זיך צו מתבונן זיין אין דער גרויסקייט פון דעם אויבערשטן און צו דערוועקן אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן. דורכדעם ווערט דער נפש הבהמית אָפּגעשוואַכט און אונטערגעוואָרפן צום נפש האלקית.

דורך די התבוננות אין די ספּעציעלע צייטן פון "שעת מוחין דגדלות", באַקומט דער בינוני די כח זיך צו שטאַרקן איבער זיין נפש הבהמית. פון דעם נעמט ער די שטאַרקייט אין זיין עבודת ה׳ במשך דעם גאַנצן טאג.

עס ווערט אָנגערופן "שעת מוחין דגדלות", ווייל עס איז אויך פאַראַן אַ "שעת מוחין דקטנות". אַזוי ווי אין אונזער וועלט זעט מען אַז אַ קינד וויל און איז צופרידן ווען ער באַקומט קליינע, נאַרישע זאַכן, און אַז ער ווערט עלטער בייט זיך זיין רצון; ער וויל יעצט בעסערע, טייערע זאַכן. ער פאַרשטייט מער און במילא בייט זיך זיין גאַנצע פאַרשטאַנד, וואָס איז גוט און נישט גוט. אַזוי אויך איז כביכול למעלה, אין די רוחניות׳דיקע וועלטן. עס זיינען פאַראַן צייטן פון "מוחין דקטנות" ווען עס לייכט ניט צופיל ג־טלעכקייט און דעריבער איז דער אמת פון תורה, מצות און ג־טלעכקייט נישט אַזוי קלאָר און אַנטפּלעקט. אָבער אין אַ צייט פון "מוחין דגדלות" שיינט אַ גרויסע ג־טליכע ליכט אין די רוחניות׳דיקע וועלטן, און דעריבער איז דאָס אויך אַ פּאַסיקע צייט פאַר אַ מענטש צו זען דעם אמת און טוב פון ג־טלעכקייט און זיך דערהויבן צו אַ העכערע מדריגה אין זיין עבודת ה׳.

* * *

## המוח שליט על הלב

דער מוח פון אַ מענטש געוועלטיקט אויף זיין הארץ.

דער אַלטער רבי זאָגט אין פרק י״ב אַז יעדער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אַז זיין מוח זאָל קענען געוועלטיקן און הערשן אויף די געפילן פון זיין הארץ.

אין עבודת ה׳ מיינט דאָס: ווען עס דערוועקט זיך אַ תאוה אין הארץ פון אַ מענטש (פון דעם נפש הבהמית וואָס געפינט זיך אין האַרץ), קען ער געוועלטיקן אויף דעם דורכדעם וואָס ער טראַכט זיך אַריין מיט זיין שכל (וואָס האָט אין זיך די נפש האלקית) אַז ער דאַרף ניט נאָכגעבן די תאוה, און פון דעם ווערט ביים מענטש אַ שטאַרקער רצון זיך אָפּצוהאַלטן דערפון. נאָכמער: ער קען אינגאַנצן אַוועקטרייבן דעם געדאַנק פון דער תאוה און טראַכטן און ווענדן אַ זאַך וואָס איז פונקט פאַרקערט פון זיין תאוה.

דער אַלטער רבי זאָגט אַז ווען עס קומט צו קדושה, האָט אַ איד ספּעציעלע כחות זיך אָפּצוקערן פון אַן עבירה און בייטן זיינע געדאַנקען צו קדושה. ווייל פונקט אַזוי ווי אַ מענטש פאַרשטייט אַז ליכט איז בעסער ווי פינסטערניש, אַזוי פאַרשטייט ער אויך אַז חכמה און קדושה איז בעסער ווי נאַרישקייט און קליפּה. און פונקט ווי אַ ליכט דאַרף נישט מלחמה האָבן מיט פינסטערניש, נאָר עס ווערט פאַרטריבן בדרך ממילא גלייך ווען עס איז פאַראַן ליכטיקייט, אַזוי איז לייכט פאַר אַ איד זיך אָפּצוקערן און פאַרטרייבן די תאוה געדאַנקען (פינסטערניש) און זיי איבערבייטן אויף קדושה (ליכטיקייט).

דער פריערדיקע רבי זאָגט[21] אַז ווען דער אַלטער רבי אין פרק י״ב רעדט וועגן ״מוח שליט על הלב״ איז דאָס כולל צוויי זאַכן:

א. די פעולות וואָס אַ מענטש טוט מיט זיינע מידות זאָל געטאָן ווערן לויט דעם אָנזאָג פון זיין שכל.

ב. דער שכל פון אַ מענטש זאָל דערוועקן אַ נייע מדה אין האַרץ פון אַ מענטש, וואָס די האַרץ האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן פון זיך אַליין.

21) אין ספר המאמרים קונטסים חלק א (רצט, א).

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd õá 1/25/2010 12:31:09 AM

אין פּרק י״ב איז דער אַלטער רבי מסביר אַז צוליב ״מוח שליט על הלב״ קען אַ בינוני אָפּהאלטן די געפילן פון זיין נפש הבהמית פון זיך אויסדריקן אין זיינע לבושים (מחשבה, דיבור און מעשה).

* * *

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd õâ 1/25/2010 12:31:09 AM

מוקדש לחיזוק ההתקשרות

# לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

**עם מלאות ששים שנה לנשיאותו**

**יום הקדוש יו"ד שבט ה'תש"ע**

ולזכות

**הת' לוי שי' מינץ**

לרגל הכנסו לעול המצות
ביום השלישי, י"א שבט, ה'תש"ע

ולזכות אחיו

**הת' אייזיק גרשון, מנחם מענדל, יוסף, שלום דובער,**
**אברהם זאב ויהושע זעליג שיחיו**
**ואחותו חי' מושקא שתחי'**

**יהי רצון שיגדלו להיות חסידים,**
**יראי שמים ולמדנים כרצון-קדשו ולנחת רוח כ"ק אדמו"ר**
**ויעלו מחיל אל חיל בלימודם ובהנהגתם בדרכי החסידות**
**מתוך בריאות הנכונה לאורך ימים ושנים טובות**

נדפס על ידי ולזכות הוריהם
הרה"ת **אפרים שמואל** וזוגתו מ' **שיינא באשא** שיחיו

זקניהם
מרת **פעסל** שתחי' **מינץ**
הרה"ת ר' **יצחק הלוי** וזוגתו מרת **חנה דבורה** שיחיו **גורביץ**
הרה"ת ר' **שמואל הלוי** שי' **גורביץ**
מרת **דוואשא** שתחי' **ריבקין**

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd õã 1/25/2010 12:31:09 AM

# לעילוי נשמת

הרה"ת ר' **אייזיק גרשון** ב"ר **אברהם זאב** ע"ה
נפטר ב' חשון ה'תשנ"ג

הוריו
הוו"ח ר' **אברהם זאב** ב"ר **אליעזר ע"ה**
נפטר י"ד מנחם אב ה'תשל"ה
וזוגתו מרת **שרה דבורה** ב"ר **דוד יצחק** ע"ה
נפטרה ג' טבת ה'תשנ"ב

**מינץ**

•

הוו"ח ר' **אפרים שמואל** ב"ר **אברהם צבי** ע"ה
נפטר נר ה' דחנוכה ה'תשכ"ו
וזוגתו מרת **חנה טויבא** ב"ר **פנחס**
נפטרה ד' מנחם אב, ה'תשנ"ד

**מינגעלגרין**

•

הרה"ח ר' **מרדכי** ב"ר **יהושע זעליג הכהן** ע"ה
נפטר ב' ניסן ה'תשס"ח

**ריבקין**

•

מרת **אסתר** ב"ר **אלעזר** ע"ה
נפטרה כ"ף מנחם אב, ה'תשס"ז

**גורביץ**

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd õä 1/25/2010 12:31:10 AM

## לזכות מורי ורבותי
## מיינע טייערע מנהלים און מלמדים אין
## ישיבת אהלי תורה – אהלי מנחם

הרה"ח ר' **צבי הירש** שי' **לוסטיג**, מנהל ראשי

הרה"ח ר' **פנחס** שי' **רפופורט**, מנהל

הרה"ח ר' **מאיר** שי' **שמשוני**, מנהל

הרה"ח ר' **מנחם מענדל** שי' **היידינגספעלד**

הרה"ח ר' **מנחם מענדל** שי' **לעזעל**

הרה"ח ר' **חיים** שי' **שפרינגער**

הרה"ח ר' **אברהם** שי' **ריכטער**

הרה"ח ר' **איסר** שי' **סלאווין**

הרה"ח ר' **אלי' משה** שי' **לויטנסקי**

הרה"ח ר' **אפרים** שי' **גרשוביץ**

הרה"ח ר' **זאב** שי' הכהן **ווינשטיין**

הרה"ח ר' **יהודה ד.** שי' **לוינזון**

הרה"ח ר' **מנחם מענדל** שי' **וולבובסקי**

אין דער זכות פון זייער חינוך על טהרת הקודש בדרכי החסידות זאל זיי דער אויבערשטער בענטשן מיט כל טוב בגשמיות וברוחניות, מיט אסאך הצלחה אין זייער עבודת הקודש און נחת פון זייערע קינדער און תלמידים לאורך ימים ושנים טובות.

לזכות

הוו"ח ר' **דוד יצחק** וזוגתו מרת **רחל** שיחיו

ובנם **איתן לירון** שי'

**מינץ**

לברכה והצלחה בגשמיות וברוחניות ולאריכות ימים ושנים טובות

Tanya_MInitz__1.26__FINAL__NEW.indd öå 1/25/2010 12:31:10 AM